STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03130

# OYF DI VEGN FUN YIDISHN GOYRL

M. Tsanin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. צאַנין

# אויף די וועגן פון יידישן גורל

עסייען

פאַרלאַג „המנורה", תל-אביב
תשכ"ו — 1966

OYF DI VEGN FUN YIDDISHN GOYRL

by M. TSANIN

הוצאת ספרים „המנורה״ תל־אביב, רח׳ זנגביל 24

©

כל הזכויות שמורות למחבר

Copyright by M. Tsanin

נדפס בישראל

Printed in Israel

1 9 6 6

דפוס „אורלי״, תל־אביב, טל. 32062

# I

# די פיר טוויזנט־יעריקע
# יידישע מלחמה

יעדער ערנסטער היסטאָריאָזאָף, ווען ער טרעפט זיך צונויף מיטן ייִדישן פענאָמען, מוז געשטעלט ווערן פאַר דער פראַגע: וועלכע זענען די אינערלעכע וויטאַלע כוחות פונעם ייִדישן פאָלק, וואָס האָבן אים דערמעגלעכט צו דערהאַלטן זיין קיום? וואָרעם וואָס שייך אויסערלעכע כוחות, כלפּי וועלכע דאָס ייִדישע פאָלק איז געווען עקספּאָנירט, האָבן זיי געווירקט קעגן דעם קיום פון ייִדישן פאָלק. פון די פיר טויזנט יאָר אויפן געשיכטלעכן שויפלאַץ, האָבן די ייִדן בלויז אַרום פינף הונדערט יאָר געהאַט אַן אייגענע מלוכהשע ראַם. דריי טויזנט פינף הונדערט יאָר האָבן זיי געלעבט אָדער באַהערשטע דורך פרעמדע מאַכטן אין זייער אייגן לאַנד, אָדער — די מערסטע צייט — אין גלות, אויף דער אַקס, אויף וועלכער ייִדן האָבן זיך באַוויגן אין זייער אימפּעריאַלן גלות — און די ייִדישע צעשפּרייטקייט האָט אַרומגענומען אַ שטח, וואָס קיין שום באַוואָפנטע אימפּעריע האָט קיין מאָל נישט פאַרנומען — זענען פאַר דער צייט פון זייערע וואָגלענישן אונטערגעגאַנגען אַ צוויי צענדליק פעלקער. דאָס זענען געווען פעלקער, איינגעזעסענע, מיט זייערע אייגענע לשונות און זיטן, מיט זייערע באַזונדערע קולטורן, און דאָך זענען זיי פאַרשוווּנדן און נישטאָ. אַפילו בעת דער פעלקער־וואַנדערונג ערב דעם מיטלאַלטער זענען פעלקער אַוועק פון זייער איינגעזעסנקייט העכסטנס אַ טויזנט קילאָמעטער און דאָך זענען זיי צום סוף אַריין אין אַנדערע פעלקער, פאַרלוירן זייער פאָלקס־אידענטישקייט, זייערע לשונות און אונטערגעגאַנגען.

דאָס ייִדישע פאָלק איז אַ סך מער געשטאַנען פאַר אויסערלעכע סכנות. ערשטנס, ווייל דער אימפּעריאַלער גלות האָט שוין אין מיטלאַלטער אַרומגענומען אַ שטח פון העכער 15 מיליאָן קוואַדראַט־קילאָמעטער צווישן צענדליקער און צענדליקער פעלקער, און צווייטנס, האָבן זיך ייִדן תמיד עצמדיק אויסגעטיילט מיט זייער גלויבן און זייערע זיטן. צוליב זייער אַנדערשקייט און ווייניקייט אין צאָל זענען זיי תמיד געווען מער אויס־

געשטעלט אויף מלחמה־פורעניות ווי די איינגעזעסענע פעלקער. זינט דער צווייטער העלפט פונעם מיטלאַלטער האָט די קריסטלעכע קירך געפירט קעגן יידן אַן אַכזריותדיקע מלחמה מיט מאַסן קרבנות אין בלוט און אין גלויבן (אין די קרייצצוגן און שמד־קאַמפּאַניעס). ווי גרויס עס זענען געווען די פאַרלוסטן בעיקר דורך אויסערלעכע סיבות, הגם אויך אינערלעכע סיבות האָבן דאָ געווירקט, באַווייזט דער פאַקט, אַז זינט דעם חורבן פון מלכות־יהודה (70 לויט דער אַלגעמיינער צייט־רעכענונג) ביז צו דעם חורבן אין דער היטלער־תקופה, דאָס הייסט אויף אַ צייט־שטח פון קאַרגע טויזנט ניין הונדערט יאָר, האָט זיך די צאָל יידן פאַרגרעסערט נישט מער ווי ביז פיר־פינף מאָל אַזוי פיל. דאָך אַפילו ביי זיין ווינציקער צאָל איז דער יידישער שטאַם אין מזרח־אייראָפּע געווען גייסטיק און מאָראַליש אַזוי דינאַמיש ווי קיין מאָל נישט אין די לעצטע צוויי טויזנט יאָר. יידן זענען געווען אַ פאָלק מיט אַלע אַטריבוטן, אַחוץ, נאַטירלעך, דעם פּאָליטיש־טעריטאָריאַלן אַטריבוט. און אויב נאָך דעם גרעסטן חורבן אין דער היטלער־תקופה האָבן יידן אויך געקענט דערגרייכן צו פּאָליטישער אומ־אָפּהענגיקייט, דאַרף מען דעם גורם פאַר זייער קיום זוכן נישט אין די אויסערלעכע באַדינגונגען, נאָר אין די אינערלעכע כוחות פון פאָלק.

פאַראַן אַזעלכע וואָס גלייבן אין איראַציאָנאַלע כוחות, וואָס האַלטן אויף דאָס יידישע פאָלק. אָבער אין זין פון דעם שפּריכוואָרט, אַז גאָט היט דעם וואָס היט זיך אַליין, דאַרפן אויך איראַציאָנאַלע כוחות האָבן אַ ראַציאָנאַלע באַזע. וואָס איז, בכן, אין דעם פאַל די ראַציאָנאַלע באַזע? אין וואָס דריקן זיך אויס די יידישע אינערלעכע כוחות, וואָס האָבן דער־מעגלעכט דעם פאָלק אַדורכצוגיין אַזוי פיל סכנות, סיי אויסערלעכע און סיי אינערלעכע און אויפהאַלטן זיין קיום?

די יידישע היסטאָריאָזאָפיע האָט ביז איצט נישט געענטפערט אויף דער פראַגע. די יידישע געשיכטע־פאָרשונג איז פאַרהעלטנישמעסיק אַ יונגע און נאָך יינגער איז איר היסטאָריאָזאָפיע. וואָס שייך נישט־יידישע געלערנטע, זענען זיי געבליבן שטיין פאַר דעם פענאָמען ווי פאַר אַ היס־טאָרישער רעטעניש, אָדער ווי דער ענגלישער געשיכטע־פאָרשער אַרנאָלד י. טאָינבי האָט געהאַט אָפּגעפּסקנט: יידן זענען געבליבן אַ היסטאָריש־

פאַרשטיינערטער פענאַמען. אַז מען געפינט נישט קיין ענטפער אויף אַ שווערער סוגיא, קען מען, כדי פטור ווערן פון איר, זי סימפּליצירן און זי פאַרענטפערן ווערדליק דער פערזענלעכער שטימונג. און טאַינבי האָט די פראַגע אַזוי סימפּליצירט מן הסתם דערפאַר, ווייל ער האָט זיך נישט צו טיף אַריינגעטאָן אין דער יידישער געשיכטע, אָדער ער האָט נישט געפונען קיין אָנלען אין דער יידישער היסטאָריאָזאָפיע.

די געשיכטע פון דער וויסנשאַפט דערציילט אונדז אַ סך קוריאָזן ווי אַזוי דורך צופעליקע אָבסערוואַציעס זענען אַנטדעקט געוואָרן נאַטור־געזעצן, וואָס זענען ביז דעמאָלט געווען פולשטענדיק פאַרהוילן פאַרן מענטשלעכן מוח. איינער פון אָט די קוריאָזן דערציילט, אַז פון אַ צופעליק־געפאַלענעם עפּל איז דער ענגלישער נאַטור־פאָרשער אייזיק ניוטאָן געקו־מען צו דער אַנטדעקונג פון דעם גראַוויטאַציע־געזעץ. אויך די באַהאַנדלטע פראַגע, וואָס די יידישע היסטאָריאָזאָפיע האָט ביז איצט נישט פאַרענט־פערט, האָט איר תשובה וואָס איז אַזוי פשוט, ווי אַלע גרויסע אַנטדעקונגען לאחר המעשה. נייערט דאָ איז די פשטות נישט קיין קוריאָזע, ווי מיט ניוטאָנס עפּל, נאָר אַ פאָלקס־דראַמע, וואָס שפּילט זיך אָפּ פאַר אונדזערע אויגן.

נאָר בטלנים קענען נישט זען, אַז אין מדינת־ישראל גרייט זיך אַ שווערער קולטור־קאַמף. ביידע צדדים שאַרפן די שווערדן בפרהסיא. און ווי פאַר יעדער מלחמה ווערן געמאַכט פּראָוואָקאַטיווע טריקן, כדי צו זען ווי אַזוי דער קעגנער וועט רעאַגירן, אַזוי ווערן אויך ערב דעם קולטור־קאַמף ביי אונדז געמאַכט פּראָוואָקאַציעס, כדי אויסצופּרוּוון די נערוועזי־טעט אָדער די קאַלטבלוטיקייט פון דעם צד שכנגד. דער פּראָצעס פון דעם קאַטוילישן נזיר רופאייזן צו אָנערקענען אים ווי אַ ייד, די אַטאַקע פון דעם ריכטער פון העכסטן געריכט חיים כהן אויפן תלמוד, די אינסטרוקציעס בנוגע די „בני־ישראל" מצד דעם הויפּט־ראַבינאַט, דער לעצטער אינצי־דענט צווישן דעם העכסטן געריכט, ווי אַ סעקולערע יורידישע אינסטאַנץ, מיט דעם ראַבינאַט, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען דעם העכסטן געריכט די רעכט צו נעמען שטעלונג צו באַשלוסן פון ראַבינאַט, — דאָס זענען קליינע צוזאַמענשטויסן ערב מלחמה. און ווייל דאָס אַלץ קומט פאַר

אין ספעציפישע באַדינגונגען, שיינט אונדז, אַז דער דאָזיקער קאַמף איז אַ קאָמפּליקאַציע צווישן מלוכה און רעליגיע אין דער צווייטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט: די מערהייט בירגערס אין לאַנד זענען סעקולערע, און די רבנים, וואָס פאַרטרעטן אַ מיעוט פון שומרי מיצוות, ווילן אַרויפצווינגען אויף אַלע בירגערס אַ לעבנס־שטייגער לויט די דינים פון דער תורה. אַזוי פאַראיינפאַכן דעם ענין הייסט: נישט קענען די יידישע געשיכטע. אין דער אמתן איז דער איצטיקער געראַנגל, ווי אַ פאַרשפּיל צו דעם אומפאַרמיידלעכן, נישט מער ווי אַ המשך פון אַ מלחמה וואָס גייט אָן אין יידישן פאָלק שוין פיר טויזנט יאָר. די שטורעמדיקע קאַמפּאַניעס פון אָט דער מלחמה ליגן אויף די וועגן פון דער יידישער געשיכטע ווי ריזיקע מיילשטיינער, נאָר די צייט האָט זיי אָפּגעבלייכט און מען זעט זיי נישט אַרויס צווישן דעם ים פון אַנדערע היסטאָריש־פאַרמומירטע געשעעניש. און אויב מיר זענען איצט אויפמערקזאַם געוואָרן אויף דער צוגרייטונג צו דער אינערלעכער מלחמה, איז אויך פאַר דעם פאַראַן אַ סיבה.

דער וואָס האָט איבערגעלעבט אַ באָמבאַרדירונג ווייסט, אַז ווען די באָמבעס רייסן אויף ביים טאָגליכט, הערט מען בלויז זייערע דעטאָנאַציעס, אויב אָבער די באָמבאַרדירונג קומט פאָר ביי נאַכט — ווערן די דעטאָנאַציעס באַגלייט מיט אַ מוראדיק ליכט. בעת אַן ענלעכער קאַמף, ווי דער וואָס קומט פאָר איצט אין מדינת ישראל, שפּילט זיך אָפּ אין אַ צייט ווען רעליגיעזיטעט ווערט פאַרביטן פון גרויסע אידעאַלן — און אידעאַלן זענען אַליין אַ שטיק רעליגיע — איז דער אויסערלעכער עפעקט פונעם קאַמף נישט אַזאַ דראַמאַטישער. אָבער דער קאַמף, אייגנטלעך דער פאַרקאַמף, צווישן די רעליגיעזע און סעקולערע קומט פאָר אין מדינת ישראל אין אַ צייט ווען די אַלטע אידעאַלן זענען פאַרווירקלעכט געוואָרן און קיין נייע זענען נישט אויפגעקומען; אין אַזאַ דעקאַדענץ־תקופה איז דאָס ליכט פון דעם רעליגיעזן קאַמף אַ זייער אומהיימלעך ליכט.

יעדער יונגער מענטש אין מדינת ישראל גלייבט, אַז דער קולטור־קאַמף אין דער מדינה איז אַן אומפאַרמיידלעכער, און וועט זיין אַן איינמאָ־ליקער, ווי עס איז געווען אומפאַרמיידלעך און איינמאַליק די רעפאָרמאַציע אין אייראָפּע אין 16טן יאָרהונדערט. דער אָבער וואָס קען די יידישע

געשיכטע אין אַלע אירע אַספּעקטן דער ווייסט, אַז דער קולטור־קאַמף, וואָס צייטיקט אין דער מדינה איז אין דער יידישער געשיכטע נישט דער ערשטער און זיכער נישט דער לעצטער, נאָר איז אַ המשך פון אַן אומאיי־בעררייסלעכער מלחמה אינעם סאַמע תוך פון יידישן פאָלק. און פאַר אַנדזערע אויגן גרייט זיך איינע פון יענע גרויסע אָפּענסיוועס אין אָט דער מלחמה, וואָס האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט דעצידירט וועגן דעם זיין־אָדער־נישט־זיין פון יידישן פאָלק.

מיין עסיי האָט נישט די אַמביציע אויסצושעפּן אַלע אַספּעקטן פון דער פיר טויזנט־יאָריקער מלחמה אין יידישן פאָלק. איך האָב זיך געשטעלט אַ מער באַשיידענע אויפגאַבע: וואַרפן בלויז אַ שייַן אויף די גרויסע און דעצידירנדיקע אָפּענסיוועס אין אָט דער אומאיבעררייסלעכער מלחמה, און באַווייזן, אַז נישט אויסערלעכע סיבות זענען דער גורם פאַרן קיום פון אונדזער פאָלק, נאָר די אייביקע וואַכזאַמקייט כלפּי פּנים און די פּערמאַ־נענטע אינערלעכע מלחמות זענען געווען דער הויפּטבאַדינג פאַרן איבער־לעבן אַלע היסטאָרישע שטורעמס, בעת אַנדערע פעלקער, איינגעזעסענע און שטאַרקערע, אַפילו אין מלוכה־ראַמען, זענען פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט זייערע קולטורן און לשונות.

זיגמונד פרויד האָט ריכטיק באַמערקט, אַז צוזאַמען מיטן אויפהאַלט־אינסטינקט פאַרמאָגט דער מענטש אויך אַן אינסטינקט פון זעלבסט־פאַר־לענדונג. אַנדערש וואָלט געווען נישט צו פאַרשטיין די דערשיינונג, אַז אַ מענטש היט זיך אַרויפצוטרעטן אויף אַ שאָל, לאָמיר זאָגן, פון אַ באַנאַנע, כּאָמער וועט ער זיך אויסגליטשן, בעת ביי אַ געוויסער אַפעקטאַציע איז דער זעלבער מענטש עלול אַרויפצוגיין אויף אַ דאַך און זיך אַראָפּוואַרפן, כדי געהרגעט צו ווערן. און ס'איז זייער און זייער כאַראַקטעריסטיש: דער אויפהאַלט־אינסטינקט איז גוואַלדיק־וואַכזאַם, ווען עס לויערן אויף דעם מענטש סכנות אין זיין נאָענטער סביבה, דאַקעגן ווערט דער אויפהאַלט־אינסטינקט אָפּגעשוואַכט, ווען דער מענטש האָט נישט מער קיין אויסערלעכע פּראָבלעמען פאַר דער זיכערקייט אין זיין סביבה. אין די באַדינגונגען פון געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין דער היטלער־תקופה, זענען זעלבסטמאָרד־פאַלן ביי די געפּייניקטע יידן געווען אַ זעלטענע דערשיינונג.

דאָס זעלבע אויך אין די לאַגערן אין רוסלאַנד, הגם די פאַרשיקטע האָבן נישט געהאַט קיין שום האָפענונג ווען עס איז אַרויסצורייסן זיך פון די קאַטאָרגע־לאַגערן. אָבער אין מדינת ישראל, ביי אַ ווילשטאַנד וואָס איז זעלטן געווען ביי יידן, זענען אין איין יאָר, 1964, געווען 350 פאַלן פון זעלבסטמאָרד.

אַ פאָלק איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ סומע פון כך וכך יחידים, וואָס לעבן אין אַ געמיינזאַמער ראַם. דעריבער פאַרמאָגן פעלקער די זעלבע אייגנשאַפטן ווי די יחידים פון וועלכע דאָס פאָלק איז צוזאַמענגעשטעלט. אויך פעלקער פאַרמאָגן, ביי דער זייט פון דעם אויפהאַלט־אינסטינקט — אַ זעלבסט־פאַרלענדונג־אינסטינקט, מיט ענלעכע נייגונגען, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר יחידים.

## די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן אין שנער

אין בראשית י״א—י״ב ווערט אין ראשי פרקים דערציילט איינס פון די סאַמע דראַמאַטישסטע קאַפּיטלעך אין תנ״ך. די מעשה, איבערגעזעצט פון דעם פאַסטאָראַל־פאַטריאַרכאַלן לשון אויף אַ מאָדערנער שפּראַך, איז אַזאַ:

אין לאַנד שנער איז געזעסן אַ פאָלק וואָס האָט גערעדט אויף איין לשון און געהאַט דעם זעלבן שטייגער (ויהי כל הארץ שפה אחת ודברים אחדים, י״א, א). דאָס פאָלק האָט זיך דאָרט פונאַנדערגעבויט און זיך פאַרוואָרצלט, כדי נישט צעשפּרייט ווערן איבער אַנדערע לענדער און פעלקער (פן נפוץ על פני כל הארץ, י״א, ד), ווי עס איז געווינלעך דער באַגער פון יעדן פאָלק. האָט גאָט געזאָגט: „הן עם אחד ושפה אחת לכולם וזה החילם לעשות, ועתה לא יבצר מהם כל אשר יזמו לעשות״, — ס׳איז איין פאָלק מיט איין שפּראַך פאַר אַלע, און דאָס איז ערשט דער אָנהייב פון זייער טאָן (ד״ה פון זייער אָרגאַניזירן זיך). אויב אַזוי איז די מעשה, וועט דאָך נישט פאַרמיטן ווערן פון זיי זייער איניציאַטיוו. איצט קומט אַ כאַראַקטעריסטישער פסוק: „הבה, נרדה ונבלה שם שפתם אשר לא ישמעו איש שפת רעהו״ — קומט, לאָמיר אַראָפּגידערן און צעמישן דאָרט זייער

שפּאַרך, אַז איינער זאָל נישט פאַרשטיין דעם אַנדערנס שפּראַך. און גאָט האָט אַזוי געטאָן. ער האָט זיי צעשפּרייט איבער דער גאַנצער ערד.

היינט, נאָך אַזוי פיל נסיונות, ווייסן מיר שוין מיט וואָס דאָס האָט געשמעקט:

אין שנער איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע אויפן רעליגיעזן באָדן. די מערהייט איז געווען פאַרן פאָלקסגלויבן — געצנדינעריי; דער רעוואָלוציאָנערער אַוואַנגאַרד איז געווען פאַר מאָנאָטעיזם, פאַרן איינציקן גאָט אין הימל. די רעוואָלוציע האָט זיך נישט איינגעגעבן. צווישן די פּליטים פון דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע איז געווען תרח מיט זיין פאַמיליע. אברהם איז געווען פונעם רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד, און נאָך דעם דורכפאַל האָט גאָט געזאָגט צו אים: „לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך ואעשך לגוי גדול" — גיי זיך אַוועק פון דיין לאַנד און פון דיין פאָטערלאַנד און פון דיין פ אָ ט ע ר ס ה ו י ז אין דעם לאַנד וואָס איך וועל דיר אָנווייזן און איך וועל מאַכן פון דיר אַ גרויס פאָלק (בראשית י"ב, א, ב).

דאָס מיינט, אַז נאָכן אָנקומען, ווי פּליטים, פון שנער קיין חרן, האָט תרח זיך מיישב געווען, אַז ס׳וועט זיין באַקוועם פאַר אים נישט צו זיין אַ ייד. זיין אַ ייד איז אַ שווערער עול און ס׳איז אַ סך לייכטער צו זיין ככל הגויים — אָן פּראָבלעמען. אָבער אברהם דער רעוואָלוציאָנער האָט רעוואָלטירט אויך קעגן זיין אייגענעם פאָטער. רעוואָלטירן קעגן אַ פאָטער אין יענע פּאַטריאַרכאַלע צייטן, איז ווי היינט מאַכן אַ פּוטש קעגן אַ הערשנדיקן רעזשים. האָט אברהם גענומען זיין ווייב שרי און זיין פּלימעניק לוט און איז אַנטלאָפן. מסתמא איז ער געשטאַנען בראש פון דעם רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד, וואָס איז מיט אים מיטגעגאַנגען. דערמיט איז פאַר דער גאַנצער יידישער געשיכטע מאַניפעסטירט געוואָרן, אַז דער העכסטער נאַציאָנאַלער אימפּעראַטיוו איז דער עטיש־רעליגיעזער; ער שטייט איבער אַלץ — איבער „דיין לאַנד, דייך פאָטערלאַנד און דיין פאָטערס הויז!"

דורך דער גאַנצער יידישער געשיכטע ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדעם דער זעלבער באַגלייט־מאָטיוו, וואָס האָט זיין מקור אין יענער דראַמע אין שנער. און ווער ווייסט, צי אָט דער הויפּטמאָטיוו, אַז דער העכסטער

נאַציאָנאַלער אימפּעראַטיוו איז דער עטיש־רעליגיעזער און נישט דאָס פאַטערלאַנד אָדער שבט, איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס יידן זענען געוואָרן אַ וועלטפאָלק מיט אַ גייסטיק פאַטערלאַנד. וואָרעם זינט דעמאָלט האָט די מלחמה אויף דעם עטיש־רעליגיעזן באָדן אין תוך פון יידישן פאָלק קיין מאָל נישט אויפגעהערט, און פון תקופה צו תקופה איז דערגאַנגען צו גאָר שטאַרקע צוזאַמענשטויסן אין פאָלק. זיי הילכן אָפּ אין די פאָליאַלן פון אונדזער געשיכטע ווי שטאַרקע נאַציאָנאַלע ערד־ציטער־נישן. וואָרעם אַפילו די יידישע מלוכה איז דאָך צעריסן געוואָרן מער פון די אינערלעכע קאַמפן אויף דעם עטיש־רעליגיעזן באָדן, ווי פון אויסערלעכע שונאים.

## אברהמיסטן און תרחיסטן

פאַר אונדזער ציל אין דעם עסיי וועלן מיר ביידע מחנות, וואָס קעמפן די אייביקע מלחמה אין יידישן פאָלק, אָנרופן איינע „אברהמיסטן" און די צווייטע „תרחיסטן". די אברהמיסטן קלאַמערן זיך שטאָל און אייזן אין די פּרינציפּן פון דער נאַציאָנאַלער עטיש־רעליגיעזער סיסטעם. פאַר דעם זענען זיי גרייט אַלץ מקריב צו זיין. זיי אידענטיפיצירן זי מיט דער אומה, במילא מיטן קיום פון דער אומה. אָן דער עטיש־רעליגיעזער סיסטעם איז נישט מעגלעך קיין יידיש פאָלק. אַפילו גאָט אַליין האָט אָראָפּגענידערט פון הימל און זיך אָפּגערעכנט מיט דעם פאָלק פאַר נישט אָננעמען זיין גלויבן. די צווייטע שטרעמונג אין יידישן פאָלק, די תרחיסטישע, גראַוויטירט תמיד צו זיין ככל הגוים. אין די תקופות פון אומאָפּהענגיקייט — מיט קורצע אויסנאַמען ביזן חורבן בית שני, און אַזוי אויך איצט אין מדינת ישראל — שטייען די תרחיסטן אויפן שטאַנדפּונקט, אַז דער העכסטער נאַציאָנאַלער אימפּעראַטיוו איז די מלוכה און זי איז די פּרימערע גאַראַנטיע פאַר קיום האומה. במילא קען מען אויך אין דער אייגענער מלוכה זיין ככל הגוים, זיך אַסימילירן מיט די דאָמינירנדיקע קולטורן (אַ מאָל לויט דער גריכישער און היינט — לויט דער אַנגלאָסאַקסישער). דער עטיש־רעליגיעזער פאַקטאָר קען זיין בלויז אַ פאָרמעלער, אָדער טראַדיציאָנעלער.

די מלחמה צווישן די צוויי שטרעמונגען קומט פאַר אויפן גאַנצן וועג וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַדורכגעמאַכט, סיי אין באַדינגונגען פון גלות און סיי אין באַדינגונגען פון מלוכהשקייט. צו אַ זייער שווערן צוזאַמענשטויס, פאַר וועלכן דאָס יידישע פאָלק האָט שיער נישט באַצאָלט מיט זיין קיום, איז דערגאַנגען אין מדבר, נאָך יציאת מצרים:

בעת משה האָט שוין געהאַט איבערגענומען פון די הענט פון גאָט די צוויי לוחות פון געזעץ, געשריבן מיט דעם פינגער פון גאָט (שמות, ל״א, א״ח), און די תרחיסטן האָבן אויסגעצייכנט געוווסט, אַז דער אַקט צווישן גאָט און משהן איז די פאַרזיגלונג פון דעם אייביקן בונד צווישן גאָט און זיין פאָלק קעגן דעם גלויבן פון ככל הגוים — האָבן זיי געמאַכט אַ פּוטש. זיי האָבן אַפילו אין דער פאַרשווערונג אַריינגעצויגן אהרן הכהן. זיי האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט וואָס משה איז געווען אין שליחות אין הימל און דאָס גאַנצע פאָלק (אַזוי שטייט בפירוש געשריבן: „כל העם״, שמות ל״ב, ג) האָט אַראָפּגענומען די גאָלדענע אוירינגען (פון זייערע ווייבער) און זיי איבערגעגעבן צו אהרנען. ווי אין אַ מאָדערנעם פּוטש, ווו די צייט שפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע, האָט זיך אהרן געאיילט, געמאַכט פון דעם גאָלד אַן עגל הזהב און דאָס פאָלק האָט געיובלט פון פריידן און גערופן: „אָט דאָס איז דיין גאָט, ישראל, וואָס האָט דיך אַרויסגעבראַכט פון לאַנד מצרים״ (ל״ב, ד). גאָט האָט גלייך געוואָלט מאַכן דאָס זעלבע וואָס ער האָט געמאַכט מיט שנער — פאַרלענדן דאָס פאָלק, און גענוי ווי אין יענעם פאַל האָט ער צוגעזאָגט משהן, אַז ער וועט פון ס׳ניי מאַכן פון אים אַ גרויס פאָלק. משה האָט זיך קוים אָפּגעבעטן, גאָט זאָל אַמנעסטירן זיין פאָלק, וואָס ער האָט אַרויסגעפירט פון מצרים, און דערפאַר וועט ער עס אַליין באַשטראָפן. משה האָט מיט בלוט אונטערגעדריקט דעם פּוטש. ער האָט אַרויסגעשיקט די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, די בני לוי, און זי האָט אַדורכגעפירט אַ שרעקלעכע שחיטה צווישן די ווידערשפּעניקע. אַרום דריי טויזנט מאַן זענען געפאַלן פון אירע שווערדן און דער נאַציאָנאַלער עטיש־רעליגיעזער רעזשים איז אויפגעצוווּנגען געוואָרן אויף דער מערהייט פון פאָלק (שמות ל״ב, כח).

וואָס איז געווען די אידעאָלאָגיע פון די ווידערשפּעניקע אין מדבר?

מ'עט קען זיך משער זיין, אַז זי איז געווען אַזאַ: מיט אַלע כוחות האָבן זיך די יידן געוואָלט באַפרייען פונעם גלות מצרים, ווייל ס'איז געווען אַ פיזיש־ביטערער גלות. אָבער אַז זיי זענען שוין פון דעם גלות באַפרייט און גרייטן זיך צו פאַרנעמען דאָס לאַנד כנען, ווו זיי וועלן אַליין זיין די הערשער — קען מען שוין זיין מיט מענטשן גלייך (ככל הגוים) און אָננעמען דעם דאָמינירנדיקן גלויבן, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ געצנדינערישער. צי דערמאָנט אייך נישט אָט די פילאָזאָפיע אין דער ככל־הגוים־פילאָזאָפיע פון אונדזערע כנענים און אַנדערע תרחיסטן אין מדינת ישראל, הגם דער פּוטש אין דער מדבר איז פאַרגעקומען מיט 3300 יאָר צוריק?

## דער פּאָליטישער און דער עטיש־רעליגיעזער קוק אויף נאַציאָנאַלער דיסציפּלין

די גורלדיקע צוזאַמענשטויסן צווישן די אברהמיסטן און תרחיסטן האָבן קיין מאָל נישט אויפגעהערט. מיט דער צייט האָבן זיך געביטן בלויז די נעמען פון די קעמפערישע צדדים, אָבער די צילן זענען תמיד געווען די זעלבע: די אברהמיסטן האָבן געביטן זייערע נעמען אויף: פּרושים, תנאים, גאונים, צדיקים, רביים; און די תרחיסטן — אויף צדוקים, העלע־ניסטן, יודעאָ־קריסטן, קאַראַימער, שבתי־צביניקעס, פראַנקיסטן, משכילים, רעפאָרמיסטן וכדומה. פאַר די ערשטע איז דער עטיש־רעליגיעזער רעזשים דער יסוד פון אַלע יסודות; פאַר די צווייטע איז ער בלויז אַ לאַסט פון וועלכן מען דאַרף זיך באַפרייען. ווי ווייט דער עטיש־רעליגיעזער רעזשים איז דער פרימערער ביי די אברהמיסטן באַווייזט די פאַרשיידנאַר־טיקע אויפפאַסונג פון דער נאַציאָנאַלער דיסציפּלין מצדביידע לאַגערן.

צוויי היסטאָרישע פאַקטן: יוסף בן מתתיהו הכהן, דער קאָמאַנדיר פון די יידישע באַוואָפנטע כוחות אין גליל (יאָסעפוס פלאַוויוס), פאַרהעלעני־זירט ווי אַלע לעצטע אָפּשטאַמיקע פון די חשמונאים, האָט פאַרביסן גע־קעמפט קעגן די רוימער ווי אַן אויפריכטיקער פּאַטריאָט פון דער מלוכה. אַז ער איז געווען אַ מאַן פון הויכער קולטור, אַן אינטעלעקטואַל מיט אַ זייער שטאַרק אַנטוויקלטן אַנאַליטישן חוש, דאָס איז צו זען פון זיינע פיר קאַפּיטאַלע ווערק: „די יידישע מלחמה", „יידישע אַלטערטימלעכקייטן",

„קאָנטראַ אַפּיאָנעם״, און זיין „אויטאָביאָגראַפּיע״. אויב די צוויי ערשטע ווערק זענען פון די וויכטיקסטע שליסלען צו דער יידישער געשיכטע, איז דאָס דריטע ווערק אַן אַפּאָלאָגיע אויפן יידישן פאָלק, וואָס נאָך היינט צו טאָג איז עס אַ געווער קעגן אַנטיסעמיטיזם. נאָך 47 טעג זיין באַלאַגערט אין דער פעסטונג ידפת האָט יוסף בן מתתיהו מיליטעריש אָפּגעשאַצט, אַז ביי די איבערוועגנדיקע כוחות פון די רוימער, האָט נישט קיין זין צו פירן אַ פאַרשפּילטע מלחמה און ווייטער מקריב זיין אומזיסטע מענטשלעכע קרבנות. ער האָט קאַפּיטולירט, געלייגט דאָס געווער און זיך איבערגעגעבן אין געפאַנגענשאַפט צו דעם רוימישן פעלדמאַרשאַל. אָט דעם קאַפּיטולאַציע־אַקט קען אים ביזן היינטיקן טאָג אַ נאַציאָנאַלער ייד נישט מוחל זיין. און איר קענט וועגן אים הערן אַזאַ עפּיטעט ווי: פאַררעטער. אַפילו זיין שפּע־טערדיקע פּאַסיאָנאַלע אַפּאָלאָגעטיק פאַרן יידישן פאָלק רעהאַביליטירט אים נישט אין די אויגן פון אַ נאַציאָנאַלן ייד.

בעת דער באַלאַגערונג פון ירושלים אין אָט דער לעצטער מלחמה, האָבן די רוימער געמאָלדן, אַז יעדער ייד, וואָס וועט זיך אַרויסבאַקומען פון ירושלים וועט נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ קעמפנדיקער און ער וועט זיין פריי. דאָס איז געווען אַ דיווערסיע־פּאָליטיק פון די רוימער, כדי אָפּצו־שוואַכן דעם קאַמפּסגייסט פון די יידן און צו מינערן זייערע כוחות. ווי אַן ענטפער אויף דעם האָט די נאַציאָנאַלע אָנפירערשאַפט אין ירושלים פּראָקלאַמירט, אַז יעדער ייד וואָס וועט פאַרלאָזן ירושלים, וועט באַטראַכט ווערן ווי אַ בוגד און מען וועט אים טייטן. אין ירושלים האָט זיך דעמאָלט געפונען רבי יוחנן בן זכאי. ער האָט געהערט צו דער שלום־פּאַרטיי און געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך אונטערוואַרפן די רוימער. אַפילו אין די ביטערסטע קאַמפן איז ער געווען פאַר אָפּשטעלן די מלחמה מיט די רוימער. און ווייל זיין רוף האָט נישט געהאָלפן און ער האָט פאַרויסגעזען דעם חורבן, האָט ער געוואָלט אָפּראַטעווען דעם עטיש־רעליגיעזן יסוד, אָפּראַ־טעווען די תורה־שמידעריי אין יבנה, אָפּראַטעווען דעם קערן פון דער תורה־אינטעליגענץ. האָט ער זיך פאַרשטענדיקט מיט דעם רוימישן הויפּט־קאָמאַנדיר און נישט געקוקט וואָס זיין לעבן איז געווען אין סכנה מצד די יידישע פאַנאַטישע קעמפערס, זיך אַרויסבאַקומען פון ירושלים און אָנגענומען

די שוץ פון וועספּאַסיאַן. נאָך דער צעשטערונג פון ירושלים איז ער געוואָרן דער גייסטיקער פירער פון יידנטום און מיט רעכט ווערט ער באַטראַכט ווי דער וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט דעם גייסטיקן קנין פון יידן אין דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע. ביי אים האָט די דיסציפּלין כלפּי דעם יידישן גייסט איבערגעוואויגן די דיסציפּלין כלפּי דעם קעמפּנדיקן שטאַט.

אַזוי זעען מיר, אַז איןביידע מחנות, וואָס קעמפּן קעגן זיך אין יידישן פאָלק, זענען פאַראַן צוויי באַזונדערע מאָסן פאַר נאַציאָנאַלער דיסציפּלין: ביי די אַברהמיסטן איז דער העכסטער נאַציאָנאַלער אימפּעראַטיוו דער עטיש־רעליגיעזער, ביי דעם צווייטן צד — דער פּאָליטיש־טעריטאָריאַלער.

## חשדהו וכבדהו

איינע פון די גרעסטע אַרויספאָדערונגען אין דער מחנה פון די אברהמיסטן איז געווען די באַוועגונג פון דער קריסטן־רעפאָרמירונג. ס׳איז נאָך ביז איצט נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן וועלכער גורם עס האָט מער בייגעטראָגן צום אונטערגאַנג פון דער מלוכה — די רעליגיעזע מלחמה, אָדער די מאַכט־גיריקייט פון די רוימער. די אברהמיסטן האָבן געפירט אַ צווייפראָנטיקע מלחמה — קעגן די העלעניסטישע אַסימילאַטאָרן, וואָס האָבן פאַרמיטאָלאָגירט די תורה (אין אַ געוויסער מאָס ענלעך צו דער באַציִונג צום תנ״ך מצד די תרחיסטן אין אונדזער מדינת ישראל), און קעגן דער קריסטן־רעפאָרמירונג. דאָ איז שוין מער נישט געשטאַנען די פראַגע: מלחמה קעגן געצנדינערײ. איצט האָט זיך געשטעלט די פראַגע: שיצן די אייזערנע ראָם פון דער ראַבאַניטישער אויפפאַסונג פון דעם העכסטן נאַציאָנאַלן אימפּעראַטיוו. וואָרעם סיי די צדוקים און סיי די יידן־קריסטן זענען דאָך געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט פון דעם זעלבן מאָנאָטעיִזם, ווי די פרושים, נאָר בעת די פרושים זענען פאַקטיש געווען רעפאָרמאַטאָרן און האָבן אויסגעטייטשט די דינים פון דער תורה, כדי זיי צופּאַסן צו די געענדערטע פאַרהעלטענישן, האָבן די צדוקים געקעמפט פאַר פאַרמאַליזירן די דינים פון דער תורה (טעאָרעטיש־פאָרמעלע) און פאַקטיש זיך אויס־לעבן אין דער פאַריודעאַיזירטער פאָרעם פון העלעניזם, און פון דער

צוויטער זייט, האָבן די יידן־קריסטן איבערהויפּט געוואָלט צעברעכן די אייזערנע ראָם פון דער נאַציע.

אין אַ געוויסער מאָס דערמאָנט אָט די מלחמה־תקופה צווישן די אברהמיסטן און תרחיסטן אין איר אויפלאַגע מיט 1700—1800 יאָר שפּע־טער אין דייטשלאַנד. איך מיין דאָ די רעפאָרם־באַוועגונג פון דוד פריד־לענדער, ישראל יאַקאָבזאָן און אברהם גייגער. אויב די ערשטע צוויי האָבן געוואָלט פאַרדייטשמערישן דעם יידישן גלויבן און שאַפן אַ פאַרמאַליס־טישן יודאַיזם, האָט גייגער געוואָלט מאַכן אַ טריט ווייטער און דעם יידישן גלויבן געבן אַזאַ ריכטונג, עס זאָל זיך שאַפן אַ וועלט־רעליגיע.* די רבנים בראש מיט רבי עקיבא אייגער, משה סופר און מרדכי בענעט זענען דעמאָלט אַרויס אין אַ מלחמה און אין די קאַמפן האָבן בײדע צדדים נישט איבערגעקליבן אין מיטלען. דייטשלאַנד איז דאָך נישט געווען קיין יידישע מלוכה מען זאָל פירן די מלחמה אין די גאַסן. האָבן זיך די צדדים באַדינט מיט אַנדערע מיטלען, וואָס האָבן נישט פאַרשאַפט קיין כבוד די יידן בכלל...

נאָך יענער מלחמה (ערב און לאחר חורבן בית שני) האָבן די אברה־מיסטן געמוזט זיך אָנגורטן מיט פאַרדאַכט שוין נישט קעגן געצנדינעריי, נאָר דווקא קעגן אַזעלכע, וואָס זענען געגאַנגען מיט גאָטס נאָמען אויף זייערע ליפּן. דער דערפאָלגרייכער גייגער פון ערשטן יאָרהונדערט, שאול התרסי, האָט מיט גאָטס נאָמען אויף די ליפּן געשפּאָלטן דאָס יידנטום און געשאַפן דאָס, וואָס דעם גייגער פון 19טן יאָרהונדערט איז נישט געראָטן — אַ וועלט־רעליגיע. די אברהמיסטן אין יבנה און אין לוד זענען אַרויס אין אַ מעכטיקער אָפּענסיווע און מיט אַ סך קרבנות אָפּגעראַטעוועט דעם יסוד — דעם עטיש־רעליגיעזן, דעם העכסטן נאַציאָנאַלן אימפּעראַטיוו,

---

* מעגלעך, אַז דאָס זעלבע האָט אויך געהאַט אין זינען דער פירער פון די היינטיקע רעפאָרמירטע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, — אייזענדראַט, וואָס אין שייכות מיט דעם „יידישן דאָקומענט" אויפן עקומענישן ראַט האָט ער אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַז ס'איז געקומען די צייט פאַר אַ רעוויזיע אין דער שטעלונג פון יידנטום צו דער קריסטלעכער קירך, וואָס דאָס מיינט פאַקטיש דערנענטערן די רעפאָרמיס־טישע סינאַגאָגע צו דער קירך און זיך שפּעטער פאַראייניקן אין אַ „וועלט־רעליגיע"...

לויט זייער באַנעם. זיי האָבן זיך אויך גוט פאַרפאַנצערט אין די ישיבות פון בבל.

מיט דעם נאָמען פון גאָט אויף זיינע ליפּן האָט ענן בן דוד, אַליין אַ תלמיד־חכם און קאַנדידאַט אויף ריש גלותא, צונויפגעזאַמלט אַרום זיך אַ שפּאַר ביסל בבלישע תרחיסטן, כדי ווידער אַ מאָל פּרווון דאָס יידנטום אַרויפפירן אויפן דרך פון כלל הגוים, ווייל דאָס מאָל זענען די ככל הגוים געווען (אין ענגס וועלט) די טרעגערס פון איסלאַם. פון דער נייער אָפּעג־סיווע אין דער אייביקער מלחמה זענען ווידער אַ מאָל אַרויס די זיגערס די אברהמיסטן — די ראַבאַניטן. עננען איז געלונגען בלויז צו שאַפן אַ סעקטע — פריער ענניסטן (יידישע אַסימילאַנטן און איסלאַמישע סעקטאַנטן) און שפּעטער קאַראַימער, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט אויסער דער פעסטונג פון די ראַבאַניטן — אַ ביסל אין מצרים, אַ ביסל זענען אַוועק קיין קרים (אין די גרענעצן פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע) און שפּעטער אַפילו דערגרייכט ביז טראָק, ביי ווילנע. פאַר יידן זענען זיי געווען אַן אָפּגעדאַרטע צווייג (ביים צאַריזם און ביים היטלעריזם זענען זיי געווען קעגן די יידן).

אָנגעלערנט פון אַזעלכע נסיונות, האָט זיך ביי די אברהמיסטן אַנט־וויקלט אַ געוואַלדיקער פאַנאַטיזם און אַזאַ חשדימדיקע אָנגעשפּיצטקייט, וואָס דערמאָנט דעם פאַנאַטיזם און די חשדימדיקייט אין אַ מיליטערישער מלחמה, ווו יעדער מינדסטער שאָרך אין די קוסטן רופט אַרויס אַ שיסעריי און נישט ווייניק זענען די פאַלן ווען מען שיסט אַפילו אויף אייגענע אָפּטיי־לונגען...

און אַזוי איז געשען אַ טראַגישער קאָאינצידענט, אַז בעת די קאַטוילישע אינקוויזיציע האָט אין מאָנפּעליע (דרום־פראַנקרייך) געברענט דעם תלמוד, האָבן די תלמודיסטן אין דער זעלבער שטאָט פאַרברענט די ספרים פון רמב״ם. די תלמודיסטן האָבן זיך טייטלעך דערשראָקן פאַרן רמב״ם. זייער היסטאָרישער זכרון איז אַ גוואַלדאָוונער. שמעון התרסי איז געווען אויס־געקאָכט אין דער גריכישער פילאָזאָפיע און זיין מוטערשפּראַך איז געווען גריכיש. שפּעטער איז ער געקומען קיין ירושלים און געוואָרן דער תלמיד פון רבן גמליאל און אַ פאַרקאָכטער פּרושי. וואָס איז אַרויסגעקומען פון דעם געמיש? צרות צרורות. ענן איז געווען אַ וויללערנער אין די בבלישע

ישיבות. ער האָט אָבער געהאַט מאַכט־אַמביציעס און געוואָלט ווערן ריש גלותא. דעמאָלט אָבער איז ער שוין געווען דער פירער פון די בבלישע תרחיסטן. האָט ער אין נאָמען פון זיינע אָנהענגערס זיך אַליין דערקלערט ווי אַן עקסילאַרך. אין דער מלחמה פון די ראַבאַניטן קעגן אים איז ער איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה און דאָ איז ער אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון דעם מחמדנישן טעאָלאָג אַבו־כאַניפאַ און ער האָט אָנגעהויבן פריידיקן אַ יידישן גלויבן, וואָס איז נאָענט צום איסלאַם. וואָס פאַר אַ צרות זענען אַרויסגעקומען פון אָט דעם שעטנז? האָבן די תלמודיסטן שפּעטער זיך דערשראָקן פאַר דער דערשיינונג פון דעם רמב״ם. דער גייסטיקער ריז, דער מחבר פון „היד החזקה״, איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער גריכישער און אַראַבישער פילאָזאָפיע. אַליין שרייבט ער אַראַביש. איז ווער ווייסט וווּהין דער דאָזיקער מורה קען פאַרפירן די מאַסן נבוכים, וואָס האָבן זיך געראַנגלט צווישן יידישקייט און אַראַבישער אַסימילאַציע? האָבן די תלמודיסטן אין מאָנפּעליע געזאָגט: קודם־כל זאָל מען פאַרברענען זיינע ספרים און שפּעטער וועט מען זען. זיי האָבן פאַרברענט און אַ טעות געהאַט. די אָפּקלאַנגען פון יענער שרעק זענען דערגאַנגען צו אונדזערע צייטן אין דער טראַדיציע, אַז נאָר תלמידי־חכמים מובהקים און גוט פאַרפאַנצערטע אין יידישקייט קענען לערנען דעם רמב״ם.

פונקט אַזוי האָבן זיך די אברהמיסטן שפּעטער דערשראָקן פאַרן אויפגייענדיקן חסידיזם. פון אָנהייב האָבן זיי אין אָט דער פאָלקס־באַוועגונג געזען אַ מין גילגול פון שבתי־צביזם. עפּעס אַ פּראָסטער ייד האָט אָנגעהויבן באַווייזן מופתים, לערנען איז נישט דער עיקר, מען קען גאָר תפילה טאָן צו גאָט דורך געזאַנג — ס׳איז נישט קיין יידישער דרך. אין שרעק זעט מען אויבערפלעכלעך. און די מתנגדים האָבן נישט דערזען, אַז די דאָזיקע פאָלקס־באַוועגונג האָט אויסגעלאָדן די מאַסן פון דעם יאוש און זיי צוריקגעהאַלטן פון אַוועקגיין אויף אומבאַקאַנטע וועגן. אויף וויפל דער קאַמף קעגן די חסידים איז פון אָנהייב געווען עד חרמה, איז ער שפּעטער אָפּגעשוואַכט געוואָרן און האָט אין גאַנצן אויפגעהערט, ווייל די אברהמיסטן האָבן דערזען, אַז ס׳איז אייגנס און ס׳איז גוט.

מ. צאנין

## מיט דעם געווער ביי די פיס

הגם דער קנאיזם פון די אברהמיסטן איז קיין מאָל נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, איז אָבער בדרך כלל זייער לאַגער נישט געווען דער אָנגרייפנדיקער. ער האָט מיט זיך תמיד פאָרגעשטעלט אַ גוט פאַרזיכערטע פעסטונג מיט אַ שטאַרקער וואַך אויף אויסצושפּירן די אָנקומענדיקע סכנה. ס׳האָט זיי שטאַרק וויי געטאָן וואָס יחידים אַסימילירן זיך און שמדן זיך. האָבן זיי געקעמפט קעגן אָפּטריניקע כל־זמן זיי זענען געווען אין דער יידישער סביבה, גערופן אומצוקערן זיך צוריק, אָדער זיי אַריינגעלייגט אין חרם. טאָמער אָבער האָט דער דראַנג צו אַסימילאַציע אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַן אָרגאַניזירטער באַוועגונג — אומאָפּהענגיק פון דער תקופה, צי אין מדבר סיני, צי אין בבל, צי אין טערקיי, פּאָדאָליע, אָדער אין דייטשלאַנד — זענען די אברהמיסטן אַרויס אין אַן אָפענסיווע און געקעמפט זייער מלחמת מצווה, נישט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיין שום קרבנות. ווייל גאָרנישט איז טייערער פון דעם העכסטן נאַציאָנאַלן אימפּעראַטיוו.

אַזוי זענען ווי מיילשטיינער אָנגעצייכנט אין דער יידישער געשיכטע די גרויסע און צו מאָל בלוטיקע אָפענסיוועס קעגן דער שטרעמונג צו צעזעצן פון אינעווייניק דאָס יידישע פאָלק: די אָפענסיווע אין דער תקופה פון עזרא און נחמיה, די אָפענסיווע פון די פרושים קעגן די העלעניזירטע צדוקים, קעגן די ישו־רעפאָרמען, קעגן דער ענן־באַוועגונג, קעגן דער שבתי־צבי־באַוועגונג, קעגן פראַנקיזם, קעגן דער מענדעלסאָנישער השכלה און אירע מזרח־ און דרום־אייראָפּעיִשע פיליעס, קעגן די דייטשע רעפאָרמיסטן. צווישן די אָפענסיוועס, אין די בין־הזמנים, האָבן זיי פאַרפעסטיקט זייער לאַגער און זיך פאַרנומען מיט צופּאַסן די דינים צו די געענדערטע באַדינגונגען אין דער וועלט און אין דער אייגענער סביבה, אויף וויפל די אייזערנע סייגים האָבן עס דערלויבט. מיט דעם האָבן זיך פאַרנומען די שולן בית הלל, בית שמאי, די ישיבה אין יבנה, די תורה־שמידערייען אין ארץ־ישראל און אין בבל און שפּעטער אין אייראָפּע, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען: פאַרפעסטיקן די סייגים און אין די פעסטע גרענעצן פרייער מאַכן דאָס יידישע לעבן.

רבנו סעדיה גאון, רבנו גרשום, רש״י, רמב״ם, רמ״א, דער ווילנער גאון, רבי עקיבא איגער — זיי זענען געווען גרויסע גייסטער מיט אַן אומגעהייערער פאַרשטענדעניש פאַר די געענדערטע באַדינגונגען אין דער וועלט. ווען ס׳איז אָבער געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן זיי און דער שטרעמונג צו אַנטלויפן פון יידנטום, צעזעצן דאָס יידנטום פון אינעווייניק, האָט זיך קיינער נישט געקענט פאַרגלייכן מיט זייער קעמפערישער פאַרביסנקייט. און ס׳איז אַוודאי כאַראַקטעריסטיש, ווי אַ מוסטער, אַז ווען רבי עקיבא אייגער, וואָס אין די אויגן פון די אַסימילאַנטן איז ער אַנגענומען ווי אַ פאַנאַטיקער און זיי האָבן זיך משתדל געווען ביי דער מאַכט, זי זאָל נישט באַשטעטיקן אים ווי רב פון פויזן, האָט ער, ווי דער אַנפירער פון דער רבנים־דעלעגאַציע צו דער פראַקלאַמירונג פונעם וואַרשעווער גרויספירשטנטום דורך נאַפּאָלעאָנען, אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס פאַר די נאַפּאָלעאָנישע רעפאָרמען. דאָס האָט ער זיך באַמיט אָפּצושאַפן דעם באַליידיקנדיקן שטייגער, יידן זאָלן צאָלן אַ שטייער אַנשטאָט גיין דינען אין מיליטער. שפּעטער האָט דווקא דער ווילנער גאון געהאַלטן, אַז לטובת דעם אויפהאַלט פון יידישקייט איז גלייכער מותר צו זיין אויף די נאַפּאָלעאָנישע פרייהייטן. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז דאָס איז געווען אַ תקופה פון אָפּענסיווע פון די אַברהמיסטן: פון איין זייט זענען זיי געשטאַנען אין קאַמף מיט דעם חסידיזם, וואָרעם זיי זענען נאָך נישט געווען זיכער אין וואָס פאַר אַ ריכטונג עס בלאָזן זיינע ווינטן, און פון דער צווייטער זייט האָט די שריפה, וואָס עס האָט אָנגעצונדן דער זון פון דעם סופר סת״ם, משה מענדעלסאָן, אָנגעהויבן אַריינרייסן זיך פון יענער זייט גרענעץ און זיך אויסשפּרייטן איבער ליטע און פוילן.

די אַברהמיסטן זענען אין זייער מלחמה תמיד געשטאַנען אַליין; די תרחיסטן האָבן תמיד געהאַט שותפים. זייערע שותפים זענען געווען: די פּרעמדלאַקנדיקע קולטור, וואָס האָט דאָמינירט אין דער סביבה, דער דרוק פון דער קריסטלעכער קירך, אָדער פון איסלאַם, קאַריערע־מעגלעכקייטן און אַ לייכט לעבן. און ווייל די אַברהמיסטן זענען געווען אַליין צווישן צוויי פראָנטן: דעם אייגענעם אינערלעכן און דעם אויסערלעכן פרעמדן, האָט זיך אין זיי דער אויפהאַלט־אינסטינקט אַזוי שטאַרק אַנט־

וויקלט, אַז זיי זענען געגאַנגען אַנטקעגן סכנות מיט אויפגעהויבענע קעפּ.

נישטאָ קיין מקורות צו דערגיין צו אַ וועלכער עס איז ציפער, וואָס זאָל אונדז געבן אַ שליסל צו דער פראַגע: וויפל האָט אונדזער פאָלק געליטן אין צאָל פון אויסערלעכע אַנגריפן און וויפל האָט עס פאַרלוירן פון אַסימילאַציע און פריווילעקן אָוועקגיין פון יידישן פאָלק? מען קען אָבער ריזיקירן דעם אויספיר, אַז ווייל אַנדערע פעלקער, אַפילו איינגעזעסענע פעלקער, זענען אונטערגעגאַנגען, הגם זיי זענען נישט אויסגעשטאַנען אַזאַ דרוק פון דרויסן, ווי דאָס יידישע פאָלק איז אויסגעשטאַנען (שחיטות, גזירות, פּאָגראָמען, צוואַנג־שמד און אַנדערע פאַרניכטונג־פאָרמען), איז דער גורם פאַרן יידישן קיום: זיין אומאיבעררייסלעכע אינער־לעכע מלחמה אַרויסצוואַרפן פון זיך די צעזעצנדיקע עלעמענטן און ענגער מאַכן די רייען. זאָל זיין די מחנה קלענער, אָבער האָמאָגען.

מיר קענען נישט אין דער געשיכטע נאָך אַזאַ פאַל, אַז אַ פאָלק זאָל אָוועקשטעלן זיין עטיש־רעליגיעזן רעזשים ווי דעם העכסטן נאַציאָנאַלן אימפּעראַטיוו, ווי דעם באַדינג פאַר זיין קיום און פאַר אים פירן אַזאַ אומאיבעררייסלעכע מלחמה ווי דאָס יידישע פאָלק. אויב ביי וועלכן עס איז פאָלק איז פאָרגעקומען אַן אינערלעכע מלחמה אויס רעליגיעזע סיבות, איז עס געווען אַן איינמאָליקער בלוטיקער צוזאַמענשטויס, און דער צד, וואָס האָט געזיגט האָט אַרויפגעצוווּנגען אויף די באַזיגטע זיין ווילן און זיי האָבן געמוזט אָננעמען דעם גלויבן פון די זיגערס. אויב סאָקראַטעס האָט אָנגעהויבן פּריידיקן „רעליגיעזע פרייַדענקעריי", ווי זיינע באַשולדי־קערס האָבן אָנגערופן זיין פּראָפּאַגאַנדע פאַר מאָנאָטעיזם, איז ער פאַר־משפּט געוואָרן אויסצוטרינקען אַ בעכער גיפט און מיט דעם האָט זיך געענדיקט די קאַריערע פונעם מאָנאָטעיזם אינעם אַלטן גריכנלאַנד. די יוגנט וואָס איז פון סאָקראַטעסן „פאַרפירט געוואָרן" דורך דער מאָנאָ־טעיסטישער אידעע, האָט קיין רעוואָלוציע צוליב דעם נישט געמאַכט און קיין רעליגיעזע מלחמה איז נישט אויסגעפאָכטן געוואָרן. געצנדינערישע פעלקער האָבן נישט געוווּסט פון קיין מלחמות פאַר אַזעלכע מיני זאַכן. זייערע מלחמות זענען געווען נאָר פאַר טעריטאָריאַלער באַהערשונג, אָדער פאַר רויבצוועקן. איז זייער אינסטינקט פאַרן נאַציאָנאַלן קיום אָפּגע־

שוואַכט געוואָרן אַזוי, אַז אָפט זענען געצנדינערישע פעלקער אונטערגעגאַנגען נישט ווייל זיי זענען באַזיגט געוואָרן און עס איז אויף זיי אויפגעצוווּנגען געוואָרן אַ פרעמד לשון און פרעמדע זיטן, נאָר עפּעטער — ווען זיי אַליין זענען געווען די זיגערס; זיי זענען איינגעשלונגען געוואָרן דורך די באַזיגטע. נישט אין מלחמות זענען אונטערגעגאַנגען די קעלטן, די גאַליער, די בורגונדן און אַנדערע צוזאַמען מיט זייערע לשונות און זיטן. זיי זענען אונטערגעגאַנגען מיט אַ מיתה נשיקה. פריער האָבן די רוימער באַזיגט דאָס שוואַכערע גאַליע. דאָס איז געווען אַ ווונדערזיג, מיט וועלכן רוים האָט שטאָלצירט. דער סוף פון די אָקופּאַנטן איז געווען, אַז זיי זענען דערטרונקען געוואָרן אין די גאַליער. אין דעם פּאַרויסמארש פון דער קריסטלעכער קירך איז געווען גענוג דער מלך פון אַ פאָלק זאָל אָננעמען דעם נייעם גלויבן, און דאָס גאַנצע פאָלק איז אָן באַזונדערן ווידערשטאַנד געוואָרן קריסטלעך. דער איסלאַם האָט זיין גלויבנס־קאַמפּאַניע געפירט מיט דער שווערד און צוזאַמען מיטן איינפלאַנצן דעם נייעם גלויבן האָט ער אָפּגעווישט פעלקער און זיי אַסימילירט אויך שפּראַכיק, ווייל די טרעגערס פון דעם נייעם גלויבן זענען געווען אַראַבער. די רעפאָרמאַציע־מלחמות אין קריסטלעכן אייראָפּע זענען געווען קורצע, סך־הכל האָבן זיי געדויערט אַ פערטל יאָרהונדערט (פון 1517 ביז 1536 — לוטער, צווינגלי און קאַלווין). די מלחמות זענען אָבער נישט געווען דורכויס רעליגיעזע, צו באַנייען די קאַטוילישע קירך, נאָר זיי האָבן זיך צוזאַמענגעמישט מיט סאָציאַל־עקאָנאָמישע יוירונגען אין יענער תקופה (די פּויערים־מלחמה און דער דראַנג אָפּצושאַפן די לאַנדהערשאַפט פון דער קירך). נאָכן איינשטעלן נאַציאָנאַלע קירכן האָט צו דער מלחמה גענומען אַ סוף. די קאַטוילישע קירך און די פּראָטעסטאַנטישע קירך זענען אַפילו שותּפים צו איין פאָלק, און ביי די פעלקער וואָס טייל זענען קאַטאָליקן און טייל פּראָטעסטאַנטן איז פאַראַן אַן אַנדער העכסטער נאַציאָנאַלער אימפּעראַטיוו — דער פּאָליטישער, די מדינה, און פאַר איר זענען זיי גרייט זיך מקריב צו זיין.

## די מלחמה אין יידישן פאָלק גייט ווייטער

מיטן אויפקום פון דער יידישער מדינה האָט זיך די אינערלעכע

מלחמה אין יידישן פאָלק נישט אָפגעשטעלט. פאַרקערט, מיר זענען עדות ווי עס גרייט זיך אַ נייער אומפאַרמיידלעכער צוזאַמענשטויס צווישן די אייביקע מחנות.

נאָך אונדזער גרויסן חורבן אין אייראָפּע אין די יאָרן 1939—1945 איז געווען באַרעכטיקט דער יאוש, אַז ביים פאַרלירן דעם שטאַם פון אונדזער פאָלק, איז אונדזער קיום געשטעלט געוואָרן אין סכנה. די אויסגעפייניקטע און צעטומלטע האָבן אין זייער יאוש געפרעגט: צי לוינט טאַקע און צי איז כדאי ווייטער זיך צו קלאַמערן אין יידישקייט? ביי די נייע סאָציאַל־פּאָליטישע אומבייטן אין דער וועלט האָט זיך געשאַפן אַ זעלטענע געלעגנהייט צו אַסימילירן זיך אָן גרויסע אָנשטרענגונגען. אין די אַטעיִסטישע רעזשימען וועט עס אָנקומען אַ סך לייכטער ווי ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. מיר שטעלן זיך גאָרנישט פאָר וויפל צענדליקער און אפשר הונדערטער טויזנטער האָבן אַזוי געטראַכט. נישט מתוך אידעאָלאָגיש־אַסימילאַטאָרישע חשבונות, נאָר אויס יאוש. און אַ סך, גאָר אַ סך, זענען אַוועק אויף דעם דאָזיקן וועג און געגלייבט, אַז זיי וועלן פאַרענדיקן דעם חשבון.

נישט אַזוי דער רעליגיעזער אַוואַנגאַרד. ער האָט אין זיך איבערמעכטיקט די פאַרביטערונג הלמאי גאָט אין הימל האָט געקענט צוזען ווי אַזוי מאָדערנע עמלקים שעכטן אויס קינדער אין די וויגן, זקנים, מענער און פרויען פון דעם פאָלק, וואָס האָט פיר טויזנט יאָר געטראָגן דעם נאַציאָנאַלן גלויבן אין די שווערסטע באַדינגונגען. גאָט האָט נישט געמאַכט, אַז די הענט פון די דייטשע רוצחים זאָלן אָפּגענומען ווערן ביים אויפהייבן דאָס מעסער קעגן אייביקן פאָלק. אָבער ווער קען פאַרשטיין גאָטס דרכים? ער האָט צוגעזען דעם חורבן פון מלכות־ישראל, ער האָט צוגעזען דעם חורבן פון בית־המקדש, האָט ער אויך אין אונדזערע טעג געשטעלט זיין פאָלק פאַר דעם שווערסטן פרווו. מיט אַ פלייס וואָס האָט נישט קיין גלייכן ביי אַנדערע פעלקער האָבן זיך יידן געאיילט אויפשטעלן ישיבות אין לענדער, וווּ עס זענען קיין מאָל קיין ישיבות נישט געווען, און צונויפגעזאַמלט קינדער זיי זאָלן ווייטער ממשיך זיין דעם יידישן דרך. רביישע הויף זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַקטיווע שטאַבן. די חב"דישע באַוועגונג האָט

גענומען אויף זיך אויפגאַבן וואָס נאָר מדינה־אָרגאַניזאַציעס קענען אויף זיך נעמען. און אַז עס וועט קומען אַ צייט און מען וועט קענען וועגן דעם שרייבן פריי און מיט פּרטים, וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די חב״דניקעס איז געלונגען דאָס, וואָס איז נישט געלונגען אַפילו גרויסע מלוכות...

די יידישע טראַגעדיע און די קאָנצענטראַציע פון דער שארית־הפליטה אין די דייטשע לאַגערן נאָך דער מלחמה האָט אויף אַ רגע אַ טרייסל געטאָן דאָס געוויסן פון דער וועלט און דערמעגלעכט דעם אויפקום פון דער אומאָפּהענגיקער יידישער מדינה. דער אויפקום פון דער מדינה האָט פולשטענדיק געענדערט די באַדינגונגען פון יידישן פאָלק און אויך כלפּי דעם יידישן פאָלק, וואָרעם די מדינה האָט אַריינגעבראַכט דעם נייעם פאַקטאָר, וואָס איז אייגנטלעך נישט ניי אין דער פּ אָ ל י ט י־ש ע ר געשיכטע פון יידישן פאָלק, אַז דער העכסטער נאַציאָנאַלער אימ־פּעראַטיוו איז די מדינה. צוזאַמען מיט דער מאַסן־עליה האָבן אָנגעהויבן ווערן שוואַכער די מעגלעכקייטן פאַר באַקוועמער אַסימילאַציע אין די אַטעיִסטישע רעזשימען, אין די קאָמוניסטישע מדינות. פּונקט ווי ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די אינטעליגענץ אין די קריסטלעכע לענדער אין אייראָפּע מורא געהאַט פאַר די יידישע אַסימילאַנטן, ווי „פאַרבינ־דעטע מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלן יידנטום און קאָמוניזם״, אַזוי האָבן די קאָמוניסטיש־אַטעיִסטישע רעזשימען מורא באַקומען פאַר דעם יידישן עלעמענט, וואָס האָט זיך געוואָלט אַסימילירן, אַז ער איז אַ נאַטירלעכער פאַרבינדעטער פון דער יידישער מדינה, במילא וועט ער אָנהאַלטן די סאָלידאַריטעט מיטן יידישן פאָלק אין דער וועלט. דאָס איז, אייגנטלעך, געווען דער הויפּטסטימול פּטור צו ווערן פון די יידן אין יענע לענדער און זיי האָבן אויך דערמעגלעכט אַ מאַסן־עליה. כדי צו זיין פּאָרזיכטיק וועל איך נישט זאָגן, אַז די מערהייט יידן איינגעוואָנדערטע קיין ישראל זענען אַנטירעליגיעז. מען קען אָבער יאָ זאָגן, אַז די רעליגיעזיטעט פון דער מערהייט איז אַ פּאַסיווע. און ביי אָט דער לאַגע שטימט עס מיט דער געענדערטער סיטואַציע, אַז די מדינה איז דער העכסטער נאַציאָנאַלער אימפּעראַטיוו. דער יידישער דת האָט אויסגעפירט זיין צעמענטירונג־פונקציע אין באַדינגונגען פון גלות. איצט האָבן מיר דעם פּאָליטיש־

טעריטאָריאַלן אַטריבוט, וואָס וועט אונדז האַלטן ווי אַ נאַציע, אַזוי ווי פראַנקרייך האַלט די פראַנצויזישע נאַציע, ווי ענגלאַנד האַלט די ענגלישע נאַציע און אַזוי ווייטער.

צו אַן ענלעכן אויספיר זענען געקומען אין דער פרייער וועלט די יידישע קרייזן, וואָס רייסן זיך צו אַסימילאַציע. דער גייסטיקער צענטער, וואָס האָט געשפייזט די יידישע אימיגראַציע־לענדער און וואָס אונטער זיין איינפלוס האָבן זיי געלעבט, איז פאַרוויסט געוואָרן. די יידישע רעליגיע האָט אַזוי אַרום אָפּגעשפּילט איר היסטאָרישע ראָל, און פון איצט אָן וועט די יידישע מדינה זיין דער נאַציאָנאַלער אָנהאַלט־צענטער. דורך אָנהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט דער מדינה, סיי דורך קומען אַהער ווי טוריסטן און סיי דורך העלפן ישראל מאַטעריעל, וועט מען וויסן מי ומי. דאָס אָבער קען נישט שטערן צו אַסימילירן זיך אין די לענדער וווּ מען וווינט און פאַר־טיפן די רעפאָרמאַציע אין דער יידישער רעליגיע, וואָס איז נישט געלונ־גען מיט העכער הונדערט יאָר צוריק אין דייטשלאַנד.

עס איז נאַטירלעך און ס׳האָט גאָר אַנדערש נישט געקענט זיין, אַז פאַר די סעקולערע מנהיגים אין דער מדינה איז די מדינה דער העכסטער נאַציאָנאַלער אימפּעראַטיוו. די רעליגיע האָט טאָקע אויפגעהאַלטן די נאַציע אין די באַדינגונגען פון גלות, אָבער מיטן מאָמענט ווי די מדינה איז אַנטשטאַנען, האָט זי איבערגענומען אַלע פונקציעס פון דער נאַציע און די מדינה דאַרף זיין אַ מדינה ווי יעדער מדינה אין דער וועלט, און די נאַציע — ככל הגוים. דאָס וואָס די מדינה איז איצט פאַרבונדן מיט דת, איז עס אַ צייטווייליקער מצב, אַ היסטאָרישער רעמיניסצענץ און אַ פּאָלי־טישע נויטבאַדערפטיקייט אין דער תקופה. פריִער אָדער שפּעטער וועט די שותפות צווישן שטאַט און דת אויפגעלייזט ווערן, און מיר וועלן ווערן אַ סעקולערע מדינה ווי אַלע מאָדערנע מדינות אויף דער וועלט. און אַזוי ווי דער גלות האָט גורם געווען, אַז די נאַציע זאָל זיך צוזייגענען אַ נישט־העברעיִשע קולטור און זיטן, דאַרף מען דעם גאַנצן אַלטן באַגאַזש נייטראַ־ליזירן און אָנהייבן אַלץ פון דאָס ניי, כדי מיר זאָלן ווערן ככל הגוים. אין דעם גייסט איז דערצויגן געוואָרן די מערהייט יוגנט פון דעם דור.

די יוגנט האָט געמאַכט דעם קאָנסעקווענטן אויספיר: אויב די מדינה

איז דער העכסטער נאַציאָנאַלער אימפעראַטיוו, איז די נאַציע די, וואָס זיצט אין לאַנד און לעבט דאָס לעבן פון דער מדינה. איז די נאַציע אַ ישראלישע. די וואָס זיצן אין ישראל זענען ישראלים, און ווי אַ נאַציע בינדט זיי נישט מיט יידן אין דער וועלט. יידן זענען אַ באַזונדערע עדה, וואָס לעבט אין פאַרשידענע לענדער. אויב די יידן אין דער וועלט האָבן חשק, קענען זיי ווערן מיטגלידער אין דער נייער נאַציע דורך עולה זיין קיין ישראל און אָננעמען די ישראל־קולטור. צו דער ישראל־קולטור געהערט די סעקולאַריזאַציע פון דער געזעלשאַפט. רעליגיעזער גלויבן איז אַ פּריוואַט־זאַך.

פונקט קאַפּויער איז די שטעלונג פון די אַברהמיסטן. זיי אַטאַקירן די ככל־הגוימניקעס דערמיט, אַז די אַ פּילאָזאָפיע איז נישט קיין אויסגעפינס פון די כנענים און זייערע עלטערע לערערס, נאָר דאָס איז אַ נייער גילגול פון די שטרעמונגען פון די תרחיסטן אין אַלע צייטן. די יידישע מדינה, זאָגן זיי, איז נישט דער העכסטער נאַציאָנאַלער אימפעראַטיוו. והראיה: ווען דער קיום פון דער אומה וואָלט געווען אָפּהענגיק פון דער מלוכה, וואָלט די אומה שוין לאַנג נישט עקזיסטירט.

דאָס איז אויך אין סתירה צום גייסט פון דעם יידישן עטיש־רעליגיעזן יסוד. גאָט האָט צוגעזאָגט אַברהמען אַ לאַנד און אַ גרויס פאָלק נישט צוליב נדבות, נאָר מיט אַ תנאי אויב ער וועט מיט אים פאַרשניידן אַן אייביקן בונד און אָננעמען דעם געטלעך־גייסטיקן פּרינציפּ ווי דעם העכסטן נאַציאָ־נאַלן אימפעראַטיוו. אויך די יידן פון מצרים האָט ער צוגעזאָגט אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, אָבער ווידער בתנאי, אַז זיי וועלן אים דינען געטריי און אָננעמען זיינע געבאָטן. אויב אָבער זיי וועלן נעמען די קניידלעך און מוותר זיין אויף דער הגדה — וועט ער זיי חרוב מאַכן, אויס־גלייכן מיט דער ערד און ווידער אַ מאָל איבערגעבן דעם מאַנדאַט צו אַ געבליבענעם צדיק אויפצושטעלן אויף ס׳ניי דאָס פאָלק, וואָס וועט אָננעמען די תורה ווי דעם העכסטן נאַציאָנאַלן אימפעראַטיוו. די מדינה איז אַ געזונטער יסוד פאַר דער אַנטוויקלונג און שטאַרקונג פון דעם אמתן העכסטן נאַציאָנאַלן אימפעראַטיוו — דעם עטיש־רעליגיעזן. אויב אין גלות האָבן יידן נישט געהאַט דעם כוח אַרויפצוצווינגען אויף אַלע יידן די

נאַציאָנאַלע דיסציפּלין כלפּי דעם העכסטן נאַציאָנאַלן אימפּעראַטיוו — וועט מען דאָס יאָ קענען דורכפירן אין דער זעלבשטענדיקער מדינה מיטן כוח פון געזעץ. דעריבער איז די פאַרבינדונג פון מדינה און דת אַ באַדינג סינע קוואַ נאָן — אַ באַשטענדיקער און אומצערייסלעכער בונד. די יידן אין ישראל זענען נישט קיין נאַציע פאַר זיך, נאָר די נאַציע איז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין דער וועלט, איינשליסלעך די יידן אין ישראל. נישט יעדער וואָס טראָגט אין טאַש אַ ישראל־פּאַספּאָרט געהער צו דער נאַציע, עס געהער אָבער יאָ צו דער נאַציע יעדער ייד, אומאָפּהענגיק פון דעם וואָס פאַר אַ פּאַספּאָרט ער טראָגט אין זיין קעשענע און צו וועלכער מדינה ער איז אָנגעשלאָסן ווי אַ בירגער.

אָרגאַניזאַציאָנעל האָבן זיך די אַברהמיסטן אין ישראל גוט פאַרפאַנ־צערט. זיי האָבן אַן אויסגעצייכנטע נעץ פון ישיבות און אַן אייגענע שול־סיסטעם און זייער שטאַרקע מאַכט־פּאָזיציעס. זיי האָבן אויך אַ יוגנט וואָס איז אויף אַ וווּנדערלעכן אופן אימוניזירט קעגן די נעגאַטיווע השפּעות, וואָס רייסן שטיקער פון דער סעקולערער יוגנט. און ווי אין אונדזער גאַנצער פיר טויזנט־יאָריקער געשיכטע זענען זיי געווען גרייט צום קאַמף פאַר דעם העכסטן נאַציאָנאַלן אימפּעראַטיוו — דעם גייסטיק־רעליגיעזן — אַזוי זענען זיי אויך איצט גרייט פאַר דעם, כדי צו פאַרזיכערן דעם קיום פון דער אומה. וואָרעם זיי קענען באַווייזן, אַז טאָמער וואָלטן יידן געווען ככל הגוים, וואָלטן זיי נישט אויסגעמיטן דעם גורל, וואָס עס האָבן נישט געקענט אויסמיידן אַנדערע פעלקער. מיטן פאַרלירן די מלוכה מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק וואָלטן יידן אונטערגעגאַנגען ווי אַ נאַציע, זיי וואָלטן פאַרשווונדן אין די פעלקער צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט, בפרט ווען די רעליגיעזע העגעמאָניע איבער דער וועלט האָט איבערגענומען די קריסטלעכע קירך, וואָס האָט זיך באַזירט אויפן יידישן יסוד. אויב אָבער אויך דעם אַרויסרוף האָט דאָס יידישע פאָלק אויסגעהאַלטן און איז נישט אונטערגעגאַנגען, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל די יידישע אומה האָט, להיפוך צו אַנדערע פעלקער, אויסגעווילט, ווי דעם העכסטן נאַציאָנאַלן אימפּעראַ־טיוו, נישט די פּאָליטיש־טעריטאָריאַלע ראַם, נאָר איר עטיש־רעליגיעזע סיסטעם. פאָדערט דער רעליגיעזער אַוואַנגאַרד די סופּרעמאַציע פון דת איבער דער מדינה. און דעריבער איז אומפאַרמיידלעך נאָך איין גרויסע אָפּענסיווע אין דער פיר טויזנט־יעריקער מלחמה.

## II

# די גענעזע פון אַ קולטור־דראַמע

(אַ פּרוּוו פאַר אַ היסטאָרישן אַנאַליז)

אין אונדזער מדינה שטייען מיר פאַר אַ ריי קולטור־דערשיינונגען, וואָס צוליב זייער פילבאַרקייט, און אפשר אויך צוליב אַ שולד־געפיל, האָט זיך נאָך ביז איצט קיינער נישט צוגערירט צו באַהאַנדלען זיי דורך אַ היסטאָרישן אַנאַליז. זיי שאַפן אָפט גאַנץ ערנסטע סיטואַציעס אויף אַלע שטחים פון געזעלשאַפטלעכן און מלוכהשן לעבן און וואָס ווייטער אַלץ מער דערנעענטערן זיי אונדז צו אַן אומפאַרמיידלעכן קריזיס. זיי האָבן אין יידישן פאָלק געשאַפן אַ קולטור־דראַמע, וואָס האָט נישט קיין גלייכן ביי קיין שום אַנדער אומה אויף דער וועלט.

לאָמיר אָנרופן דאָס קינד ביים נאָמען:

הגם דער מזרח־אייראָפּעיִשער צענטער ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה איז געווען דער גרעסטער פון אַלע יידישע צענטערס אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע און זיינע האָמאָגענע קולטור־אוצרות — אויף אַלע געביטן — האָבן געקענט באַשפּייזן אַ גאַנצע אימפּעריע, שטייט די יידישע מדינה, וואָס איז צוגעגרייט און געגרונטפעסטיקט געוואָרן דורך דעם מזרח־אייראָפּעיִשן עלעמענט, אין אַ פּראָצעס פון לעוואַנטיניזאַציע.

דער מזרח־אייראָפּעיִשער צענטער האָט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה פאַרמאָגט אַלע נאַציאָנאַלע אַטריבוטן אויסער דעם טעריטאָריאַל־מלוכהשן אַטריבוט. איצט, בעת מיר האָבן דעם טעריטאָריאַל־מלוכהשן אַטריבוט, פעלט אונדז דער האָמאָגענער גייסטיק־קולטורעלער אַטריבוט, וואָס איז דער צווייטער וויכטיקסטער זייל פון דעם נאַציאָנאַלן בנין: אויסער דעם מלוכהשן לשון איז גאָרנישט האָמאָגען. דאָס טעאַטער איז אויף העברעיִש — ס'איז אָבער נישט קיין העברעיִש טעאַטער; די ווייט גרעסטע מערהייט ביכער, וואָס דערשיינען אויף העברעיִש, זענען איבערגעזעצטע פון אַנדערע שפּראַכן, אַזוי, אַז עס קען גערעדט ווערן וועגן אַ ליטעראַטור אויף העב־רעיִש, אָבער נישט וועגן אַ מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור. דאָס אָריגי־נעלע אין העברעיִש דערגרייכט נישט צו די קנעכל פון דער העברעיִשער

ליטעראַטור, וואָס אירע שעפער זענען געבוירן געוואָרן און באַקומען זייער אויסבילדונג אויסער ארץ־ישראל. די קולטור־השפּעות אין ישראל ווערן נישט געשעפּט פון יידיש־מקורותדיקע קוואַלן, נאָר פון פרעמדע קוואַלן. די אַזוי גערופענע פאָלקס־טענץ זענען אַדאַפּטירט פון דעם באַלקאַן צוזאַמען מיט דער הלבשה. די לידער, וואָס דאָס פאָלק זינגט און וואָס ווערן רעפּראָדוצירט דורכן מלוכהשן ראַדיאָ, זענען זייערע ניגונים האַליוואודישע, אָדער פון רוסישע פילמען. די יידישע ליטעראַטור און דאָס יידישע טעאַטער (אַפילו די זעלטענע ערנסטע קינסטלערישע אויפפירונגען) זענען פּאַקטיש אין אַ געטאָ אין ישראל. די איינציקע יידישע טאָג־צייטונג איז באָיקאָטירט דורך די מלוכה־אינסטאַנצן און דורכן נאַציאָנאַלן ראַדיאָ, אַנטקעגן דער ענגלישער און פראַנצויזישער טאָג־צייטונגען, וואָס זענען אָפּיציאָזן.

אויך מיט דער נאַציאָנאַלער אידענטיטעט זענען מיר אַ שפּאָר ביסל לעוואַנטיניזירט און נישט אַלע וועלן געבן דעם זעלבן ענטפער אויף דער פראַגע: ווער ביסטו? די צוויי דורות געבוירענע אין ארץ־ישראל און דערצויגן געוואָרענע אין די העברעיִשע גימנאַזיעס זענען נישט פאַרטיק מיט זייער נאַציאָנאַלער אידענטיטעט. דער רעליגיעזער טייל אידענטיפיצירט זיך, נאַטירלעך, מיט דעם וועלט־יידנטום, אָבער צווישן די אַרעליגיעזע און אַטעיִסטישע עלעמענטן באַגעגנט איר עטלעכע דעפיניציעס: אַ טייל אידענטיפיצירט זיך מיט דעם קדמונישן כנענים־פאָלק, אַ טייל דעקלאַ־רירט זיך ווי ישראלים (מיטן טראָפ ווי אַ באַזונדער נאַציע וואָס האָט נישט קיין שייכות מיטן וועלט־יידנטום) און אַ פאַרהעלטנישמעסיק קליינער טייל האַלט גאָר, אַז ער געהער צו דער גרויסער סעמיטישער נאַציע, וואָס איז, לויט זייער מיינונג, אין פּראָצעס פון ווערן. די לעצטע דריי קאַטעגאָ־ריעס זאָגן זיך אָפּ פון דער גורל־געמיינשאַפט מיט דעם וועלט־יידנטום און האָבן נישט קיין שום זעלישע באַציִונג צום יידנטום. זיי מיידן אויס די יידישע געזעלשאַפט ווען זיי קומען קיין אויסלאַנד.

בדרך הטבע איז די יוגנט אויפריכטיק און זאָגט אָפן וואָס זי טראַכט. דער עלטערער דור, דער דור פון נסיון האַלט נישט פון אָפענע דעקלאַראַציעס און מ׳דאַרף אים פאַרשטיין װעדליק זיינע מעשים. עס פרעגט זיך דעריבער:

צי איז דאָס אַלץ אַן אָריגינעלע דערפינדונג פונעם יונגן דור, אָדער דער דור פון מנהיגים און דערציִער האָט אויך אַזוי געטראַכט וועגן דעם וועלט־יידנטום, נאָר צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות אויסגעקליבן דאָס שאַפן פאַקטן, איידער צו רעדן?

וועל איך אויף אָט דער גאָר וויכטיקער פראַגע ענטפערן מיט אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע פאַקטן:

אין דער ערשטער כנסת האָט איינער פון די סאַמע חשובסטע דעפו־טאַטן אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאַג מען זאָל ענדערן די יידישע פאַמיליע־נעמען פון אַלע פאַרשטאַרבענע ציוניסטישע מנהיגים אויף העברעיִשע פאַמיליע־נעמען. דאָס האָט געמיינט ענדערן די נעמען פון הערצלען, מאַקס נאָרדוי, ביאַליק, טשערניכאָווסקי, פייערבערג און בערדיטשעווסקי, שענקין און מאָהילעווער, סירקין און באָראָכאָוו — הונדערטער און הונ־דערטער. ישראַליזירן דעם גאַנצן פּאַנטעאָן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער פאָרשלאַג איז נישט אָנגענומען געוואָרן, ווייל עמעצער האָט זיך געכאַפּט, אַז אַזאַ אַקט וואָלט געווען אַ וואַנדאַליסטישער. ביי שעפע־רישע מענטשן איז זייער נאָמען אַ טייל פון זייער פערזענלעכקייט און שאַסטעווען מיט די נעמען פון פאַרשטאָרבענע שעפערישע מענטשן, הייסט אומברענגען זייער אומשטערבלעכקייט. וואָרעם באמת, ווען דער פאָרשלאַג זאָל ווערן אָנגענומען און ביאַליק וואָלט געענדערט געוואָרן אויף חלבוני, טשערניכאָווסקי אויף שחורי, הערצל אויף לב־קטן, פייערבערג אויף הרי־אש, נאָרדוי אויף צפוני און אַזוי ווייטער, צי וואָלט עס נישט געווען וואַנדאַליזם כלפּי זייער אומשטערבלעכקייט?

האָט מען דעם רעצעפּט פאַרשריבן פאַר די לעבעדיקע און אין דער ריכטונג איז אָנגעוואַנדן אַן אינטענסיווער דרוק. בעיקר האָט זיך אין דעם אױסגעצייכנט דער ערשטער פּרעמיער־מיניסטער, וואָס האָט אין זיינע מיניסטעריומס נישט פאַרטראָגן קיין יידישן נאָמען און געפאָדערט אַלע זיינע באַאַמטע זאָלן העברעיִזירן זייערע נעמען. דאָס אויסערן־מיניסטעריום — און אַן אויסערן־מיניסטעריום איז אין אַלע לענדער אַ נעסט פון סנאָביזם — האָט געצוווּנגען, אַז יעדער וואָס ווערט אַרויסגעשיקט אויף וועלכער עס איז פונקציע אין אַ ישראל־פאַרשטייערשאַפט אין אויסלאַנד

— מוז אַוועקוואַרפן זיין יידישן נאָמען און אָננעמען אַ העברעיִשן נאָמען. דאָס וואָלט נאָך געווען צו פאַרשטיין. אָבערביים ענדערן דעם „גלות”־נאָמען איז פאָרגעקומען אַ כאַראַקטעריסטישער פּראָצעס: פאַר די וואָס האָבן געצוווּנגען צו ענדערן די יידישע פאַמיליע־נעמען אויף העברעיִשע איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזעלכע וועלכע האָבן זייערע פאַר־נעמען קריסטלעכע, זאָלן די קריסטלעכע פאַרנעמען מזווג זיין מיט דעם העברעיִשן פאַמיליע־נאָמען. געשען איז, אַז מ׳האָט זיך איבערגעלאָזט די וואַלטערס, די פריצס, די סאַנטאָס, די ראָבערטס, די יאָהאַנס, וואָס פּאַסן אַזוי צו אַ העברעיִשן פאַמיליע־נאָמען, ווי עס פּאַסט אַ פּאַר אונטער־הויזן צו אַ פראַק. דאָס איז טיפּישער לעוואַנטיניזם.

פון דעם איבנגעזאָגטן באַקומט זיך, אַז בעת אויפן געביט פון ציווי־ליזאַציע זענען מיר אַ מאָדערנע אייראָפּעיִשע מדינה — זענען מיר אויפן געביט פון גייסטיקער קולטור און שטייגער אַ לעוואַנטינישע מדינה.

וואָס איז געוואָרן מיט די קאָלאָסאַלע אָנשיכטונגען פון אוצרות, וואָס זענען עוואָלוציאָנעל איינגעפלייסט געוואָרן אינעם קולטור־סך־הכל פון דעם מזרח־אייראָפּעיִשן צענטער? וואָס איז געוואָרן מיט די גוואַלדיקע קאַפּיטאַלן, מיט וועלכע דאָס העברעיִשע לשון איז אָנגעלאָדן געוואָרן דורך אַזוי פיל רייכע תקופות?

צי איז דער לעוואַנטיניזאַציע־פּראָצעס געקומען פון זיך אַליין, אָדער ער איז אַ רעזולטאַט פון היסטאָרישע גורמס?

ווען דיק דער פּרשה בראשית איז בלויז די וועלט באַשאַפן געוואָרן פון תוהו ובוהו, ווי אַ יש מאין. און דער בורא דעלמא, וואָס איז שטאַרק אייפערזיכטיק אויף זיין פּאַטענט, האָט געשאַפן אַ כלל, אַז אויסער זיין באַשאַף זאָל אַלץ אַנדערע אויף דער זינדיקער ערד האָבן זיין אור־סיבה.

בכן, האָט אויך די לעוואַנטיניזאַציע אין אונדזער מדינה היסטאָרישע סיבות.

## משיחיזם און מיסטיפיקאַציע

יידן זענען דאָס איינציקע פאָלק, וואָס טראָגט מיט זיך די אידייע פון

משיח. פאַר קריסטן איז שוין משיח געקומען מיט 1966 יאָר צוריק און דער רעאַליזירטער משיחיזם האָט פונקט אַזאַ פּנים ווי אַלע רעאַליזירטע אידייען...

איך וועל איצט נישט אַריינגיין אין דעם ווי אַזוי די משיח־אידייע איז ביי יידן אַנטשטאַנען און וואָס די יידן האָבן דורך איר געוואָלט אויסדריקן. איין זאַך דאַרף מען אָבער אונטערשטרייכן: אויף וויפל די משיח־אידייע איז געוואָרן אַ ווונטש וואָס אין „נאָרמאַלע״ צייטן האָט מען אים, משיחן, ווייל אָפּגעשטופּט, אַזוי איז די משיח־אידייע געוואָרן אַ התגשמות־לעכצונג נאָך פּאָליטישע און סאָציאַלע פּרעניות. אַזוי איז געווען ווען יידן זענען געזעסן אויף זייער אייגענער ערד און אַזוי איז געווען אין די באַדינגונגען פון גלות. ווי נאָר אָבער אין דער תקופה פון התגשמות־לעכצונגען האָט זיך באַוויזן אַ משיח, האָט ער ביי די מנהיגים פון פאָלק אַרויסגערופן די גרעסטע חשדים. אין אַלע פאַלן — אַזוי ביז אונדזערע צייטן — האָבן זיך אַלע אַנטפּלעקטע משיחים אַרויסגעשטעלט ווי פּסיכאָפּאַטן, אָדער שאַרלאַטאַנען, אָדערביידע צוזאַמען.

ביז אונדזער יאָרהונדערט איז די פּסיכיאַטריע בכלל נישט געווען אַנטוויקלט. אויף וויפל די פּאַטאָלאָגיע בכלל איז אַן אַלטע וויסנשאַפט, ווייל זי האָט צו טון מיט דעם שטערבלעכן פונעם מענטש, אויף אַזוי פיל איז די פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע נישט געווען אין דער קאָמפּעטענץ פון דער וויסנשאַפט, ווייל די פּסיכע איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אומשטערבלעכער נשמה־עלעמענט, איבער וועלכן עס שאַלטעט און וואַלטעט נאָר דער באַשעפער גופא. בכן, האָבן מיר נישט אין דער גאַנצער געשיכטע פון משיחיזם קיין איין עקספּערטיזע וועגן דער פּסיכישער באַלעבאַטישקייט פון אַ משיח. דאָ און דאָרט ווערט נאָר דערציילט, אַז דער משיח פּלוני צי אַלמוני האָט געליטן פון עפּילעפּסיע, אָדער ער פלעגט אַריין אין עקזאַלטאַציע, אָדער ער פלעגט האַלטן פלאַם־פייערדיקע דרשות פאַרן פאָלק, ווי נאָר אָבער ער איז געשטעלט געוואָרן פאַר געלערנטע און געדאַרפט ענטפערן אויף קאָנקרעטע שאלות — האָט ער פאַרלוירן ס׳לשון און סתם געפּלוידערט ווילדקייטן.

וועגן די צוויי לעצטע משיחים — שבתי צבי און יעקב פראַנק — האָבן

מיר אַ רייכע ליטעראַטור. אמת, אין אָט דער ליטעראַטור האָבן מיר נישט קיין עקספּערטיזע וועגן זייער פּסיכע, אָבער פון די פּרטימדיקע באַשרייבונ־גען און פון זייערע סתירהדיקע האַנדלונגען און שטייגערס קען מען זיך מאַכן אַ בילד אָן ספקות, אַז ביידע זענען געווען פּסיכאָפּאַטישע טיפּן. דער ערשטער איז פון סאַמע אָנהייב נישט געווען קיין שאַרלאַטאַן; דער צווייטער, יעקב פראַנק, האָט באַלד אָנגעהויבן ווי אַ שאַרלאַטאַן. ווי נאָר זייער פּסיכאָפּאַטיש באַנומעניש האָט באַקומען העפטיקע סטימולן פון אויסן, דורך היסטעריזירטע אָנהענגער — איז דאָס פּסיכאָפּאַטישע באַנומעניש באַפרידיקט געוואָרן און דעמאָלט האָט זיך געעפנט דאָס ברייטע פעלד פאַר שאַרלאַטאַניזם און אַוואַנטוריזם.

דעם כוח פאַר זייער שאַרלאַטאַניזם האָבן סיי שבתי צבי און סיי יעקב פראַנק נישט געשעפּט בלויז פון דעם דערפאָלג ביי די משיח־לעכצנ־דיקע מאַסן, נאָר אין זין פון פּאַסקאַלס מימרא, אַז ס׳איז נישטאָ אַזאַ משוגענער, וואָס זאָל נישט האָבן זיינע נאַכלויפער — האָבן זיך אין די פאַלן פון ביידע משיחים אָפּגעפונען קאַריעריסטן, וואָס זענען פערזענלעך געווען פאַראינטערעסירט צו ווערן די געשעפט־שותפים צום גאַנצן עסק. אין פאַל מיט שבתי צבי האָבן אָט די ראָל אויסגעפירט דער קאָנסטאַנטינאָ־פּאָלער מגיד אברהם יכיני (וואָס וועגן אים ווייסן מיר, אַז פּסיכיש איז ער געווען געכאַפּט אין דער מעשה און ער האָט געליטן אויף אַ גרויס־קייט־מאַניע) און נתן אשכנזי פון עזה, אַ זון פון אַ מגבית־שליח פון ארץ־ישראל אין די אייראָפּעיִשע לענדער). נתן אשכנזי האָט עדות געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט זעונגען און אין די זעונגען האָט ער געזען אין שבתי צבי משיח בן־דוד. אויפן סמך פון אָט די זעונגען האָט ער שבתי צבי אַרויס־געגעבן אַ „משיח־דיפּלאָם״. אין פאַל מיט יעקב פראַנק האָבן די ראָל פון זיינע משיחישע געשעפט־אַגענטן אויסגעפירט די פיפיקע חברה פון דער משפחה שור, וואָס נאָכן שמדן זיך האָבן זיי אָנגענומען דעם שליאַכטישן נאָמען: וואָלאָווסקי.

ס׳איז נאַטירלעך און עס קען גאָר אַנדערש נישט זיין, אַז אויב מען דערקלערט זיך פאַר משיח, מוז עס גיין צוזאַמען מיט דער לאָזונג פון שיבת ציון. קיין אַנדער ראָל פאַר משיחן האָבן נישט די יידן. אַן אונטער־

צוכאַפּן די דערלייזערישע לעכצונגען פון די יידישע מאַסן וואָלטן ביידע קיין איין טריט נישט געקענט מאַכן אין זייער משיחישער קאַריערע.

וואָס איז וויכטיק פאַר אונדזער טעמע איז דאָס, וואָס ביידע, סיי דער טערקישער און סיי דער פּאָדאָליער משיח, זענען, אין תוך, געווען דע־צענטריסטן: זיי האָבן זיך אַליין אָפּגעריסן פון היסטאָרישן יידנטום און מיטגעשלעפּט מיט זיך מאַסן יידן — דער ערשטער אין מעטשעט אַריין און דער צווייטער אין קירך אַריין.

נישט געקוקט אויף די אַלע פאַקטן האָבן ערנסטע ציוניסטישע טעאָרעטיקער געזען אין ביידע פאַלשע משיחים און דע־צענטריסטן — פאָרויס־לויפער פון דער מאָדערנער ציוניסטישער באַוועגונג.

וואָס אַזעלכעס האָבן ציוניסטישע טעאָרעטיקער געפונען אין די ביידע שאַרלאַטאַנען, אַז זיי האָבן אין זיי געזען די פאָרויסלויפער פון דעם מאָדערנעם ציוניזם און די מאָדערנע ציוניסטישע באַוועגונג אָנגערופן: „סעקולערער משיחיזם״?

## דער אייביקער דע־צענטריזם און קאָן־צענטריזם ביי יידן

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט האָב איך שוין אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם פּראָצעס, וואָס גייט אָן אין יידישן פאָלק פון די עלטסטע צייטן ביזן הייגטיקן טאָג *: איין טייל איז קאָן־צענטריסטיש און שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום קרבנות, כדי צו פאַרפעסטיקן דאָס יידישע פאָלק, און אַ צווייטער טייל איז דע־צענטריסטיש — ער זוכט געלעגנהייטן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דאָס יידישע פעקל און נעלם צו ווערן. אָפט באַגייען די דע־צענטריסטן מיסטיפיקאַציעס און באַנוצן זיך מיט די סאַמע יידישסטע אַרגומענטן, כדי צו ווערן גוים: משיחיזם, באַנייונג פון העברעיש, אָדער אַ פּלוצימע נאָסטאַלגיע צום תנ״ך...

אין אַראַבישן שפּאַניע, וואָס איז געווען דאָס איין־איינציקע קולטור־לאַנד אין גאַנץ אייראָפּע, האָט דאָס שפּאַנישע יידנטום געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכע געלעגנהייט נעלם צו ווערן, אויב עס וואָלט געהאַט דע־

* אין דעם עסיי „די פיר טויזנט־יאָריקע מלחמה״, ווו די קאָן־צענטריסטן רוף איך „אברהמיסטן״, און די דע־צענטריסטן — „תרחיסטן״.

צענטריסטישע כוונות. די פילאָזאָפיע, פּאָעזיע און מאַטעמאַטיק האָבן דאָרט דערגרייכט גוואַלדאָוונע הייכן. יידן האָבן מיטגעלעבט מיט דער רייכער אַראַבישער קולטור און געווען צו איר שותפים. זיי האָבן געלעבט און אויך געשאַפן אין אַראַביש. דאָס גרעסטע פילאָזאָפישע ווערק ביי יידן — „מורה נבוכים" — האָט דער רמב"ם געשריבן אויף אַראַביש. דער מחבר פון דעם פילאָזאָפישן ווערק אויף אַראַביש איז גלייכצייטיק דער מחבר פון דעם גרעסטן תורה־קאָמפּענדיום. יהודה הלוי האָט פּערפעקט געקענט סיי אַראַביש און סיי קאַסטיליש און אַלע וויסנשאַפטן פון יענער צייט זענען געווען פאַר אים אָפן. אָבער אונדזערע שפּאַנישע דיכטער און פילאָזאָפן זענען געווען קאָן־צענטריסטן. די רייכע אַראַבישע קולטור האָט זיי געדינט ווי אַ כלי־זין רייכער צו מאַכן די יידישע קולטור. אָן „חברת דורשי לשון עבר" און אָן „חובבי שפת עבר" האָבן זיי בייגעטראָגן צום העברעישן לשון קנאַפּע פינף טויזנט קרעפטיקע באַגריפן, אָן וועלכע דאָס מאָדערנע העב־רעיש וואָלט זיך גאָרנישט געקענט אָן עצה געבן. זיי האָבן געשאַפן די העברעישע קלאַסיק, אַדאַפּטירט די פאָרמען פון דער אַראַבישער פּאָעזיע און זיי איינגעפלייצט אין דער העברעישער דיכטונג. הגם יהודה הלוי, די אבן עזרהס און אבן גבירול זענען געווען סעקולערע דיכטער און אונ־טערן איינפלוס פון די אַראַבישע דיכטער — האָבן זיי מיט זיך געטראָגן אויסשליסלעך די יידישע וויזיע, קיינער האָט זיך שפּעטער נישט דער־הויבן, ווי זיי, צום נאַציאָנאַלן פּאַטאָס און זייערע שאַפונגען זענען אַריין אין דער יידישער ליטורגיע אויך פון די אשכנזים — אין די פּיוטים, אין תפילות און אין קינות. קען זיך עמעצער פון די היינטיקע העברעישע דיכטער פאַרגלייכן צום ציון־פּאַטאָס פון יהודה הלוי!? די שפּאַנישע דיכטער לויכטן אַרויס ביזן היינטיקן טאָג מיט זייער גרויסקייט און דיכטע־רישער מעכטיקייט.

די גאַנצע פלעיאַדע העברעישע דיכטער אין דעם אַראַבישן שפּאַניע האָט געטראָגן מיט זיך די וויזיע פון שיבת ציון. אָבער נישט אויף די קאָן־צענטריסטן, די אויפריכטיקע און שעפערישע באַלעבער פון העברעישן לשון און ציון־וויזיאָנערן האָט זיך באַזירט דער מאָדערנער ציוניזם — דער „סעקולערער משיחיזם".

משה מענדעלסאָן, דער זון פון דעם סופר סת״ם אין דעסוי, איז נישט געווען דער איינציקער יידישער אינטעלעקטואַל, וואָס איז פאַרשיכורט געוואָרן פון די ליבעראַלע ווינטן אין איראָפּע אין 18טן יאָרהונדערט און איז אַנטלאָפן פון געטאָ צו דער „אויפקלערונג״. מענדעלסאָן איז געקומען קיין בערלין באַוואָפנט מיט דער פילאָזאָפיע פון רמב״ם. ער האָט אַליין געמאַכט אַ וויץ איבער זיין הויקער, אַז ער האָט אים באַקומען פון זיצן איינגעבויגן איבערן „מורה נבוכים״. עס איז אַנצונעמען, אַז מענדעלסאָנס ערשטע כוונה איז געווען אַרויסצופירן די יידן פון זייער מיטלאַלטערלעכער פאַרשלאָסנקייט און דורך דער הוספה פון אַלגעמיינער בילדונג זיי מאַכן פאַר יידן מיט ברייטערע האָריזאָנטן. וועלטלעכקייט און יידישקייט זענען נישט קיין סתירות, נאָר זיי דערגענצן זיך. דער רמב״ם איז געווען אויס־געקאָכט מיט דער גריכישער און אַראַבישער פילאָזאָפיע און צווישן זיין וועלטלעכקייט און מחבר־זיין די משנה תורה איז נישט געווען קיין סתירה. ס׳איז נישטאָ קיין שום ספק, אַז מענדעלסאָן האָט זיך דעם רמב״ם אַראָפּ־גענומען ווי אַ מוסטער. אָבער משה מדעסוי האָט געלעבט אין אַן אַנדער תקופה און אין אַן אַנדער סביבה ווי משה מקורדובה און אויך דאָס יידנטום אין דיביידע תקופות איז געווען פאַרשידן אַנדערש. די ליבעראַלע ווינטן אין איראָפּע אין מענדעלסאָנס תקופה האָבן שוין געהאַט אויפגעוועקט אַ היפּשן קרייז דע־צענטריסטן אינעם דייטשן יידנטום.

אָט די דע־צענטריסטן, וואָס האָבן מורא געהאַט צו זאָגן אָפן, אַז זיי לייקענען דאָס שטייגערישע יידישקייט פון יענער צייט, ווייל אין אַזאַ פאַל וואָלט געקומען צו אַן אָפענער מלחמה מיט די רבנים, האָבן זיך געוואָרפן אויפן שוואַכסטן שונא — אויפן יידישן לשון. די יידישע מאַסן האָבן גערעדט יידיש. דעם תלמוד האָט מען געלערנט מיט יידישער פאַר־טייטשונג. דעריבער איז דער „זשאַרגאָן״ אַ שטערונג צו דער אויפקלע־רונג. נאַטירלעך איז דער ציל געווען באַקעמפן דעם תלמוד, וואָס האָט די אַסימילאַנטן געגרילצט אין די אויערן נישט ערגער ווי דאָס יידישע לשון. זאָגן צו די יידן, זיי זאָלן זיך אַסימילירן אין דייטש און ווערן דייטשן, וואָלט באַלד אַוועקגעשטעלט אַ וואַנט צווישן דעם קרייז דע־צענטריסטן און די יידישע מאַסן. האָבן די „בערלינער״ פלוצים באַקומען אַ בענק־

שאַפט צו... העברעיִש און צום תנ״ך. משה מענדעלסאָנס איבערזעצונג פון תנ״ך אויף ריינעם דייטש האָט צווישן די אַסימילאַנטישע קרייזן אַרויסגע־רופן אַ שטאַרקן ענטוזיאַזם. מענדעלסאָנס תלמיד, דוד פרידלענדער, האָט אין בערלין געשאַפן די „יידישע פריישול — חינוך נערים״ און ענלעכע רעפאָרמירטע שולן זענען אויך געשאַפן געוואָרן אין אַנדערע גרויסע דייטשע שטעט. אין אָט די שולן איז די לערן־שפּראַך געווען דייטש; דקדוק און תנ״ך האָט מען געלערנט אויף העברעיִש. פּאַראַלעל מיט די רעפאָרמירטע שולן פאַר קינדער האָבן זיך די בערלינער גענומען צו די דערוואַקסענע „פינסטערלינגען״, אַרויסרייסן זיי פון דער השפעה פון די רבנים און מאַכן פון זיי אַ לייט. האָבן מענדעלסאָנס תלמידים געשאַפן צוויי אינסטרומענטן: די „חברת דורשי לשון עבר״ און די צייטשריפט „המאסף״.

וואָס איז געווען דער פּראָגראַם פון דעם „המאסף״? דער פּראָגראַם איז געווען, אויסער דידאַקטישע אַרטיקלען און איבערזעצונגען פון דער דייטשער ליטעראַטור, אַן אומברחמנותדיקער קאַמף קעגן יידיש, יידן זאָלן אין יעדן לאַנד רעדן נאָר די לאַנד־שפּראַך, און יידן זאָלן אַננעמען דעם אייראָפּעיִשן שטייגער. די צייטשריפט האָט געהאַט אַ סך דערפאָלג. זי האָט געוויזן אַ וועג פון לייכטן ווידערשטאַנד. מיט זייער פּראָפּאַגאַנדע צו ווערן וואָס גרעסערע אייראָפּייער האָט דער „המאסף״ זייער קאָנסעקווענט געפירט צו ווערן אויס יידן. פון אָנהייב איז דער „המאסף״ דערשינען ווי אַ חודש־שריפט, שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן דערשיינען יעדע דריי חדשים און צום סוף בלויז איין מאָל אין אַ יאָר.

צווישן די אויפגעקלערטע מיט דער הילף פון מענדעלסאָנס דייטשער תנ״ך־איבערזעצונג און פון „המאסף״ האָט זיך אָנגעהויבן אַזאַ שמד־עפּי־דעמיע, וואָס קיין שום קריסטלעך־מיסיאָנערישע געזעלשאַפט האָט וועגן אַזאַ אַפילו נישט געקענט חלומען. אָט דעם רעצעפּט, צו באַנוצן זיך מיטן תנ״ך, כדי אָפּצושמדן יידן, האָבן שפּעטער איבערגענומען די מיסיאָנערישע געזעלשאַפטן. און זיי ווענדן אים אָן ווי אַן אויסגעפּרוווט מיטל ביזן היינטיקן טאָג.

דאָס אויסליידיקן זיך פון יידישע ווערטן, איבערנעמען דעם פרעמדן

שטייגער און פאַרוואַרפן דאָס לשון פונעם פאָלק האָט געפירט צו שמד דווקא מיט דער אַנעסטעזיע פון תנ״ך און דורשי לשון עבר. אָן יידישן המשכדיקן אינהאַלט, אָן יידישן שטייגער און אָן יידיש, פלאַצן די רייפן.

די „המאספים״, מאַרקוס הערץ, דוד פרידלענדער און הערץ האָמבערג זענען געווען די לעצטע יידן פון זייערע שטאַמען: מאַרקוס הערץ האָט זיך נישט באַוויזן צו שמדן פאַרן טויט — זיין פרוי האָט עס געטון. דוד פריד־לענדער, וואָס האָט פאַרהאַנדלט מיט דעם וואַרשעווער קאַטוילישן אַרכי־בישאָף מאַלטשעווסקי וועגן רעפאַרמירן דאָס פוילישע יידנטום — זיין פאַמיליע האָט זיך טאָטאַל אויסגעשמדט. הערץ האָמבערג איז אַוועק קיין גאַליציע, דאָרט פאַרלייגט אַ שול־נעץ לויט דעם מוסטער פון פרידלענדערס „חינוך נערים״, ער איז געווען אַן עקלהאַפטער דענונציאַנט קעגן יידן און זיין גאַנצע שול־באַוועגונג האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן. זיינע פיר זין האָבן זיך געשמדט.

עס איז פאַראַן אַ סברה, אַז מענדעלסאָנס תנ״ך אויף דייטש, די חברת דורשי לשון עבר און דער „המאסף״ האָבן איבערגעפירט צום קריסטנטום מער יידן, ווי שבתי צבי האָט איבערגעפירט יידן צום מאָסלעמישן גלויבן און יעקב פראַנק — צום קאַטאָליציזם.

עס דאַרף דערביי באַמערקט ווערן, אַז די בערלינער משכילים זענען נישט געווען די „דערפינדער״ פון אַנטלויפן פון יידנטום מיטן אויסרייד פון רעפאָרמען אין יידישן לעבן. זייער נביא איז טאַקע געווען דער אויבנ־דערמאָנטער יעקב פראַנק. ער איז די בערלינער השכלה פאַראויסגעלאָפן מיט עטלעכע צענדליק יאָר. נאָר ער, ווי אַ „דערלייזער״, האָט נישט איינ־געוויקלט אין וואַטע זיינע צילן. ער האָט גערעדט אָפענע דיבורים. אַזוי דרשנט ער פאַר זיין מחנה, אַז מען דאַרף איבערשאַצן אַלע ווערטן און פאַרגעסן אַלץ וואָס איז געווען אין יידישן לעבן, אויסגעמעקט דאַרפן ווערן די אַלטע מנהגים, די אַלטע דינים און געזעצן. „אומעטום, וווּ מיר גייען — זאָגט ער — דאַרפן מיר אָפוואַרפן אונדזערע אַלטע מנהגים, אונדזער קליידונג און שפּראַך און רעדן דאָס לשון וואָס דאָס אַרומיקע פאָלק רעדט... איך וועל אויסמעקן אייערע נעמען און אויך אייערע קינדער וועלן אייערע נעמען נישט טראָגן. גייע נעמען וועט איר און אייערע קינדער באַקומען...

איך בין געקומען אַלץ צו צעשטערן און אַלץ וואָס וועט דערנאָך אויפגע־בויט ווערן וועט האָבן אַן אייביקן קיום... קערט נישט אום אייער פּנים צום עבר... ווי איך בין געווען פלינק אין פאַרניכטן און צעטרעטן, אַזוי וועל איך זיין פלינק אין בויען און פלאַנצן״. אָט די עטלעכע מימרות, וואָס איך ציטיר לויט ישראל צינבערג פון „פרנק ועדתו״, זענען גענוג אויף צו אידענטיפיצירן דעם אויספיר, וואָס עס האָבן שפּעטער געמאַכט די בערלי־נער משכילים פון דער אַנטלויף־פילאָזאָפיע. צו זיין גבאי דעמבאָווסקי, וואָס האָט פאַרן שמד געהייסן שור, האָט יעקב פראַנק געזאָגט: „איך בין אויף דיר גוזר, דו זאָלסט זיך אויסלערנען שיסן, האַלטן אַ שפּיז אין דער האַנט און קענען אַרויסטרעטן אויף אַ דועל״. מיט מער ווי מיט אַ הונדערט יאָר שפּעטער הערן מיר די אָפּהילכן פון אָט דער פילאָזאָפיע ביי מיכה יוסף בערדיטשעווסקי אין זיין „על הפרק״, ווו דער משכיל פּראָפּאַגירט שנוי ערכין, אַז יידן זאָלן זיך לערנען גיין אויף דועלן, זיין ככל הגוים פריי צום גלעזל און צו פרויען, ווערדליק דעם פראַנקיסטישן קולט פאַר באַקכאַנ־טיזם, וואָס דער „משיח״ האָט געפּראַוועט ברוחב לב.

יעקב פראַנק איז געווען דער קאָריפיי, די בערלינער משכילים האָבן געפונען דעם וועג און אויך עפּיגאָנען־נאָכמאַכער.

דער „ליבעראַלער״ עסטרייכישער אימפּעראַטאָר יאָזעף דער 2טער, וואָס האָט אַזוי וווּל אַריינגעטראָפן מיט זיינע רעפאָרמעס „לטובת״ יידן אין די געמיטער פון די בערלינער משכילים, האָט געהאַט זיין עקוויוואַלענט אין רוסלאַנד — דעם „ליבעראַלן״ צאַר אַלעקסאַנדער דעם 1טן. אַז צום צאַר זענען דערגאַנגען די באַריכטן וועגן דעם רייכן שניט, וואָס עס האָט די קריסטלעכע קירך אין די קרייזן פון די בערלינער תנ״כניקעס און דורשי־לשון־עברניקעס, האָט ער זיך שטאַרק מתקנא געווען און זיך אויסגעדריקט, אַז ווען ער זאָל צווישן די רוסישע יידן געפינען אַ משה מענדעלסאָן וועט ער האָבן געלייזט די יידנפראַגע אין זיין מדינה.

די ראָל פון בערלין האָט אין רוסלאַנד געדאַרפט אויספירן... שקלאָוו, און דער רוסישער מענדעלסאָן האָט געדאַרפט זיין דער צושטעלער פאַר פּאָטיאָמקינס אַרמיי, דער מעצענאָט און גביר יהושע צייטלין. נאָר ווי דאָס

רייסישע שקלאַוו איז נישט געווען בערלין, אַזוי איז יהושע צייטלין נישט געווען משה מענדעלסאָן.

ביים סאַמע אָנהייב צו „רעפאָרמירן" דאָס רוסיש־פוילישע יידנטום איז געשען אַ קוריאָזער פאַל: מענדל סאַטאַנאָווער (לעפין, לעווין) איז געווען אַ זייער געבילדעטער ייד. ווי ער איז געשווומען אין ים פון תלמוד, אַזוי איז ער אויך געווען בקיא אין דער פילאָזאָפיע פון רמב"ם און בכלל אין דער וועלטפילאָזאָפיע. כדי זיך אויסצוהיילן פון אַן אויגן־קראַנקייט איז מענדל סאַטאַנאָווער געפאָרן צו בערלינער דאָקטוירים. דאָרט האָט ער זיך אויסגעהיילט די אויגן, אָבער זיך אָנגעשטעקט מיט דער בערלינער השכלה. נאָכן צוריקקומען קיין פוילן איז ער געוואָרן הויז־לערער ביים ליבעראַלן פירשט טשאַרטאָריסקי. הכלל, צוזאַמען מיט דעם פירשט האָט ער אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן ווי אַזוי אויפצוקלערן די יידישע נאַציע אין פוילן און אויסבעסערן אירע פירונגען. אויף אַ רייזע צום צאַר האָט דער פוילישער פירשט מיטגענומען מענדל סאַטאַנאָווער ווי זיין באַגלייטער. אין פעטער־בורג האָט זיך מענדל באַקאַנט מיט אברהם פרץ, דעם איידעם פון יהושע צייטלין. ער איז געוואָרן לערער סיי אין הויז פון צייטליגען דעם שווער און סיי אין הויז פון פרצן, דעם איידעם.

אין זיין שקלאָווער הויז האָט יהושע צייטלין געפירט אַ „סאַלאָן", וווּ עס האָבן זיך קאָנצענטרירט תלמידי חכמים און געבילדעטע אין וועלטלעכע וויסנשאַפטן. צייטלין גופא איז אויך געווען אַ יודע ספר און ער האָט ליב געהאַט צו פירן וויכוחים מיט גייסט־מענטשן, וואָס ער האָט אויסגעהאַלטן אין זיין הויז ביד רחבה. דער מאַן מיט ענציקלאָפּעדישן וויסן, ווי פאַר יענער צייט, ברוך שקלאָווער, האָט אַפילו אין הויז פון יהושע צייטלין איינגעאָרדנט אַ לאַבאָראַטאָריע פאַר כעמישע עקספּערימענטן, צוליב וואָס ס'האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג צווישן די שקלאָווער יידן, אַז ער מאַכט כישוף. צייטלין און זיין איידעם האָבן זיך דורכגעשריבן אויך מיט לייב נעוואַכאָוויטש, וואָס איז געווען פון די משכילישע נכבדים אין פוילן און זיי האָבן אויף אים געלייגט גרויסע האָפענונגען צו רעפאָרמירן דאָס פוילישע יידנטום.

אַזוי שנעל ווי מענדל סאַטאַנאָווער איז אַריין אין הויז פון יהושע צייטלין, אַזוי שנעל האָט אים פּאָטיאָמקינס צושטעלער אַריינגעצויגן אין דער פּראַקטישער אַרבעט אויפצוקלערן די „פּינסטערלינגען". מענדל סאַטאַנאָווער איז אָבער געווען אַ קאָן־צענטריסט. ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן געמיינט אַזאַ אויפקלערונג פאַר יידן וואָס זאָל זיי באַפרייען פון מיטלאַל־טערלעכן קלעם. נישט דעמאָביליזירן זיי ווי יידן, נאָר פאַרקערט — אויס־ברייטערן זייערע יידישע האָריזאָנטן מיט אַלגעמיין וויסן; דאָס לערנען תלמוד זאָל נישט זיין דער איינציקער עלעמענט פון וויסן. ער האָט אייגנט־לעך געוואָלט דאָס אַלץ, וואָס עס טוט היינט די רעליגיעזע גימנאַזיע און דער בר־אילן־אוניווערזיטעט אין ישראל.

האָבנדיק פאַר זיך דעם רעצעפּט פון מענדעלסאָנס תנ"ך אויף דייטש, האָט מענדל סאַטאַנאָווער געמאַכט דעם לאָגישן אויספיר, אַז אויב מען וויל די יידישע מאַסע אין פוילן זאָל פאַרשטיין דעם תנ"ך, דאַרף מען אים איבערזעצן אויפן לשון וואָס די מאַסע רעדט — אויף יידיש. ער האָט זיך אַריינגעטון אין דער אַרבעט. אָבער באַלד ווי ס'איז דערשינען זיין איבער־זעצונג פון משלי, האָט זיך אָנגעהויבן קעגן אים אַ ווילדע אַטאַקע. מען האָט אים געזידלט, אַז ער איז אַ בוגד, אַ פינסטערלינג — ער האָט פאַרראַטן די בערלינער השכלה, ער האָט דאָס הייליקע ספר איבערגעזעצט אויפן לשון פון דער גאַס. אין דעם פאַל האָבן די משכילים געוווסט ווי אַזוי אומדירעקט אונטערצוהעצן אויך די רבנים, וואָס האָבן געציטערט אימת מות פאַר יעדער ענדערונג אין דעם איינגעשטעלטן סדר מדור דורות.

און באמת איז מענדל סאַטאַנאָווערס תנ"ך־איבערזעצונג אויף יידיש געווען אַ מעסער אין רוקן פון די רוסיש־פּוילישע משכילים. דער ציל פון איבערזעצן דעם תנ"ך האָט דאָך געדאַרפט זיין אַ מיטל אַרויסצורייסן פון יידישן מויל די אייגענע צונג און זי פאַרטרעטן מיט אַ פרעמדער — מיט דער לאַנד־שפּראַך. און מענדל סאַטאַנאָווערס תנ"ך־איבערזעצונג אויף יידיש האָט זיך גראַד צוזאַמענגעשטויסן מיט דעם פּאַטעטישן רוף, וואָס דער אויבנדערמאָנטער „המאסף" האָט אַרויסגעלאָזט צום פּוילישן יידנ־טום: „ווי לאַנג נאָך וועט איר רעדן דאָס פאַרדאַרבענע דייטשע לשון (זשאַרגאָן) אַנשטאָט צו רעדן דאָס לשון פון אייער לאַנד — פּויליש?!

דאָס האָט פשוט געהייסן: אָנשטאָט צו פאַרניכטן יידיש — האָט מענדל סאַטאַנאָווער גאָר געשטאַרקט יידיש!

די אַטאַקעס קעגן דעם „בוגד" און „פינסטערלינג" און אויך — „אַפּיקורס" האָבן אַזוי אָנגעשראָקן דעם געבילדעטן ייד, אַז ער האָט זיך בכלל צוריקגעצויגן פון אויפקלערערישער אַרבעט און מער נישט אַרויס־געגעבן קיין אַנדערע טיילן פון זיין תנ"ך־איבערזעצונג.

אין פוילן האָט די שמד־עפּידעמיע ביי די משכילים ווייט נישט אָנגענומען די פאָרמען וואָס אין דייטשלאַנד. אָבער אָן פּילצאָליקע קרבנות איז עס נישט אָפּגעקומען: אברהם פרץ האָט זיך אָפּגעשמדט צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע. לייב נעוואַכאָוויטש, דער משכילישער אבן־טוב, וואָס האָט אין רוסיש און אין העברעיִש אַרויסגעלאָזט „אַ וויי־געשריי צו דער טאָכטער פון יהודה", האָט איבערגעלאָזט די טאָכטער פון יהודה און אַוועק אין דער צערקווע זיך אָפּשמדן. ביי די פּוילישע משכילים האָט זיך ס'רוב געשמדט ערשט דער צווייטער דור. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַפילו שפּעטער. און אַפילו ביי די משכילים, וואָס האָבן שפּעטער איינגעזען, אַז אויב מען וויל אויפקלערן די יידישע מאַסע, דאַרף מען צו איר רעדן יידיש (און אַזוי אַרום זענען פון דער השכלה געקומען די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור — מענדעלע, שלום עליכם, י. ל. פרץ), זענען געווען פאַלן ווען זייערע קינדער האָבן איבערגעלאָזט די זשאַרגאָנישע טאַטעס און אַליין אַוועק צום טויף־בעקן.

ווי אין דייטשלאַנד האָט די השכלה נישט געלייזט דאָס פּראָבלעם פון יידן, אַזוי האָט דאָס פּראָבלעם אויך נישט געלייזט די רוסיש־פּוילישע השכלה און פון איר פאַרצווייפלונג סיי דאָ און סיי דאָרט, איז געבוירן געוואָרן דער „סעקולערער משיחיזם" — דער מאָדערנער ציוניזם.

דער ציוניזם האָט איבערגענומען די ירושה פון די משכילים מיט אַלע קלימפּערלעך: אַ גוואַלדיקע פאַראַכטונג צו יידיש, צום לשון פון די יידישע מאַסן, צום לשון, וואָס האָט בינו לבינו באַוויזן נאַציאָנאַלע וווּנדער און איז געוואָרן די שטאַרקסטע קולטור־דאַמבע קעגן אַסימילאַציע און שמד. דער ציוניזם האָט קאָפּירט די לאָזונג פון דעם פריערדיקן „המאסף" און שפּעטערדיקער „הצפירה" (אין איר רוסישן און בערלינער גלגול): וואַרפט

אַוועק דעם זשאַרגאָן און רעדט רוסיש אָדער עברית, דייטש אָדער עברית, אָבער חלילה יידיש. און דער חוט השדרה פון דער גאַנצער קולטור איז דער תנ״ך.

לשון איז נישט בלויז אַ קאָמוניקאַציע־מיטל. לשון איז דער ווערבאַ־לער אויסדרוק פון דער מענטשלעכער נשמה. אין יידיש זענען איינגעפליישט ווערטן, וואָס זייער אָנוווקס דאַרף דויערן אַ טויזנט יאָר, און אויך נישט יעדעס לשון איז זוכה צו אַזאַ כוח פון אַבסאָרבציע. בכן, מיטן נעגירן דאָס יידישע לשון האָט מען אויך אַוועקגעוואָרפן אַלץ, וואָס דאָס לשון האָט אין זיך אַבסאָרבירט. יידיש לשון איז נישט נאָר דאָס גערעדטע לשון און נישט נאָר די ליטעראַטור. מיט יידיש איז געבונדן שטייגער, מיט יידיש איז געבונדן דער תנ״ך און דער תנ״ך האָט אַלע זעלישע ריחות ווען מען נעמט אים אויף מיט דער יידיש־מענטאַליטעט. מיט יידיש איז אויך דער תלמוד אַנדערש. מיט יידיש איז דער יידישער יום־טוב אַ יום־טוב און נישט קיין חג, אָדער חגא. יידיש האָט אין זיך אַלע פריידן און אַלע טרערן פונעם פאָלק. ווער עס האָסט יידיש — דער האָסט אַלץ, וואָס איז געבונדן מיט יידיש.

## ברירה און וואַקום

לויט די נאַטור־געזעצן, וואָס גילטן דערוויל אויף אונדזער ערד, איז נישט מעגלעך קיין נאַטירלעכער וואַקום, אַפילו נישט אין ענינים פון גייס־טיקער קולטור. מיטן מאָמענט ווען די דייטשע און רוסיש־פּוילישע השכלה האָט מיט בטול אָפּגעוואָרפן דעם יידישן שטייגער און קולטור־ווערטן — האָט זי נישט געקענט שאַפן קיין רעצעפּט־ווערטן פון אַ באַזונדערן מין, ווייל זי האָט דאָך אייגנטלעך גראַוויטירט צו דער קולטור און שטייגער פון נישט־יידן. איז דעריבער די ברירה געווען: ווערן אין דייטשלאַנד — דייטשן פון מאָזאַישן גלויבן, אין רוסלאַנד — רוסן פון סטאַראָזאַקאָננעם גלויבן און אין פּוילן — פּאָליאַקן מאָזשעשאָוועגאָ וויזנאַניאַ. דער סוף איז געווען — פולשטענדיקע אַסימילאַציע און שמד.

די ירושה, וואָס דער ציוניזם האָט איבערגענומען פון דער השכלה, האָט אין ארץ־ישראל באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסדרוק: ווי אין פּוילן

און אין רוסלאַנד האָט זיך די אויפגעקלערטקייט אויסגעדריקט אויסערלעך אין קליידן „דייטש“ — אונטערגעהאַקטע מלבושים און אָפּגעגאָלטע בערד און אַפילו אין יידיש לשון אַריינמישן „וואָבשטשע“ — אַזוי האָבן די אַלטע חלוצים אין ארץ־ישראל געטראָגן רוסישע רובאַשקעס און דיסקוטירט איבער רוסישע ביכער. אַז מען האָט גערעדט רוסיש האָט מען נישט איבערגעריסן מיט דער באַמערקונג: „דבר עברית“; די לאָזונג „דבר עברית“ איז געקומען נאָר ווי אַ רעאַקציע אויף רעדן יידיש, אַפילו דעמאָלט ווען ביאַליק און שניאור האָבן אויף דער גאַס אין תל־אביב גערעדט צווישן זיך יידיש. די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד האָבן אין ארץ־ישראל נישט געמינערט דעם קולט פאַר דער רוסישער קולטור, פּונקט ווי די היטלער־ריסטישע מערדערייען האָבן אין ישראל נישט געמינערט דעם קולט פאַר דייטש. טאָמער וואָלט ארץ־ישראל זיך געגרענעצט מיט דייטשלאַנד, אָדער מיט רוסלאַנד, איז קלאָר וואָס עס וואָלט געשען ווען די טראַדיציעס פון דער השכלה. אָבער ארץ־ישראל איז מעבר לים און דאָ האָט געהערשט די ענגלישע מאַנדאַטאָרן־מאַכט. אין קעגנזאַץ צו די פראַנצויזן האָבן די ענגלענדער קיין מאָל זיך נישט געמיט צו פאַרסירן זייער לשון און קולטור אין זייערע קאָלאָניעס. האָבן זיי דאָס אויך נישט געטון אין ארץ־ישראל, בפרט נאָך, וואָס די ציוניסטישע אָנפירערשאַפט האָט געוואָלט האָבן אירע אייגענע מכשירים, אייגענע לערן־אַנשטאַלטן און אויף העברעיש. די דער־ציונג פון קינדער אין נייעם גייסט האָט זיך פאַקטיש אָנגעהויבן מיט דער ערשטער העברעיִשער גימנאַזיע אין תל־אביב, די הרצליה־גימנאַזיע.

דאָ וועט זיין נישט איבעריק די דיגרעסיע, אַז אַפילו מיטן תנ״ך איז עס נישט געווען אַזוי פּשוט. די מערהייט פון דער צווייטער עליה, יונגעלייט פון רוסלאַנד, וואָס האָבן געהאַט פאַרבונדן גרויסע האָפענונגען מיט דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע און זיי זענען געקומען קיין ארץ־ישראל ווי אַ רעזולטאַט פון דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע — האָט נישט געהאַט קיין שום באַציונג צום תנ״ך. די יונגעלייט זענען געווען דורכגעדרונגען מיט דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור, וואָס האָט אין רעליגיע געזען „אָפּיום פאַר די מאַסן“ און צוליב דעם האָט אויך דער תנ״ך געשמעקט מיט „אָפּיום“. אַליין, אַן זעלישער באַציונג צום תנ״ך,

האָט מען געמוזט אַריינפירן אינעם למוד אין די שולן תנ״ך סיי פאַרן העברעיִשן לשון און סיי ווי דעם הויפּט־עלעמענט ביים אויסבויען די פאַר־בינדונגס־בריק צווישן דעם נייעם ארץ־ישראל און דעם אַנטיקן ארץ־ישראל. די דערציונג איז געווען באַזירט אויף דער פולשטענדיקער נעגאַציע פון גלות, און ווערליק די רעצעפּטן פון דער דייטשער און רוסיש־פּוילישער השכלה איז אינעם יונגן דור איינגעפלאַנצט געוואָרן אַן אומקאָמפּראָמיס־לעכע שנאה צו יידיש און צו דער יידישער ליטעראַטור. מיט דער טאָטאַ־לער נעגאַציע פון גלות איז פאַרלייקנט געוואָרן אַפילו אַלדאָס פּאָזיטיווע, וואָס דער גלות האָט געשאַפן. עס איז אַפילו נישט איבערגעלאָזט געוואָרן קיין פּלאַץ פאַר דער שאלה, ווי אַזוי עס איז געשען, אַז אויב דער גלות איז געווען כולו שוואַרץ און צעשטעריש, ווי אַזוי איז פון דעסטוועגן מעגלעך געוואָרן, אַז די שפּלע גלות־יידן זאָלן אין מזרח־אייראָפּע אויפבויען אַ מאָדערנע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז נישט בלויז געוואָרן דער אַוואַנגאַרד פונעם יידנטום, נאָר אַפילו משפּיע געווען אויף דער געשטאַלטונג פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג?

אַפילו נאָך אין די פערציקער יאָרן איז צווישן די דערציִער אין ארץ־ישראל אָנגעגאַנגען אַ וויכוח ווי אַזוי צו פּרעפּאַרירן שמעון דובנאָווס געשיכטע, כדי מען זאָל זי קענען לערנען אין די שולן ווערליק דער גענע־ראַלער שלילת־הגלות־ליניע.

אויף די יידישע יום־טובים זענען במשך די צוויי טויזנט יאָר גלות אָנגעוואַקסן שטייגער־שיכטן. אויסער זייער רעליגיעזן יסוד האָבן זיי געהאָט שיינע פאַמיליע־טראַדיציעס, פייערלעכקייט, וואָס האָט זיך אַפילו איבערגעטראָגן אויף דער נישט־יידישער גאַס, שפּילערייען פון קינדער, פּורים־שפּילן, חנוכה־שפּילן, ספּעציעלע מאכלים, סוכות־דעקאָראַציעס און אויפנעמען געסט, פאַרזאָרגן אָרעמע מיט זייערע יום־טוב־הצטרכותן — אַ סך אַ סך געהויבנקייט האָבן די יום־טובים געגעבן אין יידישן לעבן.

דאָס האָט געשמעקט מיט גלות, ווי ביי די משכילים האָט עס געשמעקט מיט פאַנאַטיזמוס און פינסטערלינגען. ווערליק דעם „באור״ פון תנ״ך (פריער פון משה מענדעלסאָן און שפּעטער פון ש. ל. גורדון) האָט מען אויסגעפונען, אַז אינעם אַנטיקן ארץ־ישראל זענען עס גאָר געווען נאַטור־

יום־טובים, במילא דאַרף מען פון די יום־טובים אַראָפּנעמען דעם גלות־אָנוווּקס און זיי צוריקגעבן דעם אַנטיקן נאַטור־כאַראַקטער. נאָך דער דאָזיקער וויוויסעקציע זענען די יום־טובים אַרויס מיט אַזאַ פּנים ווי עס וואָלט אַרויסגעקומען אַ שיינע פּרווי, ווען מען וואָלט זי געגומען אין אַ פּאַטאָלאָגישן אינסטיטוט, כדי זי צוריקצופירן צום אויסזען פון אַן עמבריאָן...

די פירער און דערציִער אין ארץ־ישראל האָבן נישט געהאַט וואָס זיך צו באַקלאָגן: זייער דערציִונגס־סיסטעם האָט געאַרבעט אויסגעצייכנט: זיי האָבן דעם דור דערצויגן אין דעם קלאַסיש משׂכּילישן גייסט. און נישט בלויז האָט דעם דערצויגענעם דור נישט געדראָעט די סכּנה פון אַסימי־לאַציע, נאָר ער איז אויך אָנגעלאָדן געוואָרן מיט אידעאַליזם ביז איבער די ברעגן.

די יוגנט, וואָס האָט נישט געהאַט די אינסטרומענטן צו זען די צווייטע זייט פון דער מטבע, און תמימותדיק אָנגענומען אויך די געפעלשטע זייט, האָט ביז דער אַנטשטייונג פון דער מדינה נישט געהאַט קיין נויטווענדי־קייט זיך טיפער צו פאַרטראַכטן. זי האָט אויך נישט געהאַט קיין צייט צו זען, אַז די גייסטיק־יידישע ווערטן, וואָס ווערן איר איבערגעליפערט, זענען סטערילע און עס פעלן אין זיי גאָר וויכטיקע רינגען. זי וועט עס דערפילן שפּעטער. דערווייל איז זי דורכגעדרונגען מיט אידעאַליזם און קאַמפּס־באַוווּסטזיין. זי איז אַריינגעטון אין אַלע ראַנגלענישן פונעם ישוב — אין קאַמף קעגן די אַראַבישע כּנופיות, אין קאַמף פאַר יידישער אַרבעט, פאַר יידישער פּראָדוקציע, אין קאַמף קעגן די באַגרענעצונגען פונעם „ווייסן בוך", אויפשטעלן ישובים דאָרט ווו די ענגלענדער ווילן נישט קיין יידישע קאָלאָניזאַציע. שפּעטער האָט זיך געשאַפן דער פּלמ״ח, די אונטערערדישע באַוועגונג פון אצ״ל און לח״י, וואָס זענען געוועזן לעבעדיקע קוואַלן פאַר אידעאַליזם, מסירת־נפש און ראָמאַנטיק. די יוגנט האָט געפלאַטערט אַ הייליקן פלאַטער.

אין טראַנס פון דעם הייליקן פלאַטער האָט די יוגנט נישט געהאַט קיין שום באַדערפעניש צו מאַכן אויספירן. די באַדערפעניש איז געקומען נאָך דעם.

נאָך דער אַנטשטייונג פון דער מדינה זענען אַלע פונקציעס, וואָס די יוגנט האָט פריִער אויסגעפירט מיט אַזאַ אידעאַליסטישן ברען, איבערגענומען געוואָרן דורך דעם מלוכה־אַפּאַראַט. דער פּלמ״ח איז אויפגעלייזט געוואָרן, די אונטערערדישע באַוועגונגען האָבן זיך ליקווידירט. פרייוויליקייט איז פאַרטרעטן געוואָרן דורך מדינישן צוואַנג־פליכט. מען האָט מער נישט געדאַרפט שפרינגען אין ים, כדי אַרויסצוטראָגן אויף די פּלייצעס נייע „אומלעגאַלע״ עולים — די שיפן זענען צוגעשוווּמען צום פּאָרט און די עולים זענען אויסגעלאָדן געוואָרן דורך מלוכהשע באַאַמטע אונטער דער קאָנטראָל פון דער מדינה־פּאָליציי. די זאָרג פאַר יידישער אַרבעט און שוץ פון תוצרת הארץ האָבן איבערגענומען מיניסטעריומס, מען האָט מער נישט געדאַרפט קיין „גדוד מגיני השפה״ — דאָס בילדונג־מיניסטעריום און דאָס אינערן־מיניסטעריום האָבן עס געמאַכט אַליין. מיט איין וואָרט: די יוגנט איז דעמאָביליזירט געוואָרן פון איר אידעאַליזם און זי האָט זיך דערזען אין דעם מצב, אין וועלכן עס זעט זיך יעדער דעמאָביליזירטער זעלנער.

שוין פריִער האָט אַ געוויסער טייל פונעם יונגן דור אַוועקגעשטעלט די פראַגע פון איר נאַציאָנאַלער אידענטיטעט ווי אַ פּועל יוצא פון איר שלילת־הגלותדיקער דערציונג. אַזאַ פראַגע האָט נאַטירלעך נישט געקענט שטיין פאַרן עלטערן דור. אָפּגעזען פון זיינע טעאָריעס אויף דער צוקונפט, איז ער גופא געווען פאַרבונדן מיט דעם מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום און זיינע עמיגראַציעס אין דער וועלט. דאָרט איז אויך דער דור דערצויגן געוואָרן און באַקומען זיין ציוניסטישע אויסבילדונג, דאָרט איז געווען דער קוואַל פאַר עליה, פון דאָרט זענען געקומען די פאָנדן צו בויען ארץ־ישראל. אָבער די יוגנט, וואָס איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין ארץ־ישראל און פאַר איר איז דער גלות געשילדערט געוואָרן אין די פינצטערסטע פאַרבן און אויך דער לעבעדיקער ייד אין גלות איז פאַר איר געשילדערט געוואָרן ווי אַ מין פּאַראַזיטישער עלעמענט אויפן ראַנד פון דער עקאָנאָמיע פון די לענדער — צו דעם אַלץ האָט דער סאַברע נישט געקענט האָבן קיין שום זעלישע באַציונג. פאַרקערט, עס איז געווען נאַטירלעך זיין ווידערווילן און פאַראַכטונג צום גלות־ייד.

נאָך דער אידעאַלן־דעמאָביליזאַציע האָט די גאַנצע יוגנט אָוועקגע־שטעלט פאַר זיך די פראַגע פון איר אידענטיטעט: ווער זענען מיר? די פראַגע איז איצט געוואָרן לייכטער צו פאַרענטפערן. אויב פריער האָט זיך דער גרעסטער טייל פון דער יוגנט געשאַפן אַ מין כנענישן אַדרעס און זיך אידענטיפיצירט מיט אַ פאָלק, וואָס אויסער זיין געצנדינערישן כאַראַק־טער ווייסן מיר וועגן אים אַזוי פיל ווי גאָרנישט — כנענים, איז איצט געוואָרן אַ קאָנקרעטער אַדרעס: די מדינה הייסט ישראל, בכן געהערן מיר צו דער ישראל־נאַציע (נישט אין דעם זין פון עם ישראל!). אין אָט דעם באַגריף האָט די יוגנט אַריינגעלייגט דעם זעלבן אינהאַלט, וואָס זי האָט פריִער געקלעפּטערט אין כנעניזם — סעפּאַראַציע פונעם „געטאָ־יידנטום״. די ישראל־נאַציע האָט נישט מער קיין גורל־פאַרבינדונג מיט די יידן אין דער וועלט און זינט 1948 איז די געשיכטע פון דער ישראל־נאַציע אָפּגע־ריסן פון דער געשיכטע פון יידן אין דער וועלט. אויב דאָס וועלט־יידנטום האָט בכלל אַ געשיכטע ווי איר אייגנס. מיט דעם וועלט־יידנטום בינדט אונדז בלויז דער אָפּשטאַם, ווי, למשל, דער אויסטראַלישער נאַציע בינדט מיט דער ענגלישער און אפשר נאָך ווייניקער, ווייל די אויסטראַלער און ענגלענדער בינדט איין שפּראַך, בעת אונדז, ישראלים, בינדט נישט מיטן וועלט־יידנטום, נישט קיין שפּראַך, נישט קיין שטייגער, נישט קיין ליטעראַ־טור און נישט קיין טראַדיציעס. גאָרנישט! וואָס שייך רעליגיע — איז די ווייט גרעסטע צאָל ישראלים — אַרעליגיעז, אָדער אַטעיִסטיש. אויב אַ מינ־דערהייט ישראלים זענען רעליגיעז — האָט עס נישט קיין שייכות צו דער נאַציע. פראַנקרייך, איטאַליע און שפּאַניע זענען קאַטויליש — צי שאַפן זיי דערמיט איין נאַציע?

דער אַלגעמיינער סך־הכל באַקומט זיך פון זיך אַליין: אויסער די צוויי אַטריבוטן: מדינה און שפּראַך — זענען אַלע אַנדערע נישט קיין האָמאָ־געניש, נאָר לעוואַנטיניש, צוזאַמענגעשלעפּטע פון אַלע פרעמדע קוואַלן מיט אַלע סכנות, וואָס דראָען פון לעוואַנטיניזאַציע. אַפילו דער איינציקער קוואַל פאַר אַריבערוואַרפן אַ בריק, כדי צו עלימינירן אַלץ וואָס דער גלות האָט געשאַפן — דער תנ״ך — איז סטעריליזירט געוואָרן פון די שיכטן פאָלקס־טראַדיציע און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סעקולערער מיטאָ־

לאָגיע, אָדער היסטאָרישער ליטעראַטור־אַנטאָלאָגיע, וואָרעם דער ענין תנ״ך ביי אונדז איז נישט קיין זעלישער, נאָר אַ ריין קאָנווענציאָנעלער, אַן אָפּגערעדטער. והראיה: וועלכער טאַטע, וואָס איז געבוירן און דער־צויגן געוואָרן אין אַ העברעיִשער שול אין ישראל וועט זיין קינד געבן אַ נאָמען משה, אהרן, יעקב, שמשון, אברהם, מתתיהו, מרדכי, שרה, רבקה, לאה? מיט די דאָזיקע נעמען פון תנ״ך שעמט מען זיך דאָך! דאָס זענען דאָך גלות־נעמען. און ווער וויל זיך אידענטיפיצירן מיט אַזעלכע קאָמפּראָמיטירטע נעמען?

אַזוי אַרום, זעען מיר, איז די לעוואַנטיניזאַציע אין ישראל נישט געקומען פון זיך אַליין, נאָר האָט אירע היסטאָרישע וואָרצלען אין דער דע־צענטריסטישער באַוועגונג פון יידן אין דייטשלאַנד אין אַכצנטן יאָרהונ־דערט. דעמאָלט און שפּעטער אין רוסלאַנד און אין פּוילן האָט זיך דער דע־צענטריסטישער שטראָם אַריינגעגאָסן אין אַ פרעמדן ים און איז פאַר־שוווּנדן. דאָ, אין ארץ־ישראל, אויב מיר האָבן אָוועקגעוואָרפן די יידישע קולטור־אָנלאָדונג — האָבן מיר נישט — נישט צו אַדאַפּטירן אַ פרעמדע שכנותדיקע רייכע קולטור און נישט קיין אייגענע האָמאָגענע גייסטיקע קולטור. דערפאַר איז די מאָדערנע ליטעראַטור אין לאַנד נישט קיין העברעיִשע ליטעראַטור, נאָר אַ ליטעראַטור אויף העברעיִש, נישט קיין העברעיִש טעאַטער, נאָר אַ טעאַטער אויף העברעיִש, נישט קיין אייגענעם שטייגער, נאָר שטיקלעך און פּיצלעך פון פרעמדע שטייגערס, די ניגונים זענען נישט קיין אייגענע, די פאָלקס־טענץ זענען פרעמדע און אַזוי ווייטער און ווייטער.

דער אַלטער דור דערציִער און די דענקענדיקע מנהיגים האָבן שוין פון לאַנג דערזען וואָס פאַר אַ שרעקלעכן טעות זיי האָבן געמאַכט. זיי האָבן געוואָלט דעם טעות „אויסבעסערן״ דורך אַריינפירן אין דער שול די „תודעה יהודית״. דערמיט האָבן זיי זיך, ערשטנס, מודה געווען, אַז ביז דאַן איז אַזאַ תודעה, אַזאַ יידישער באַוווסטזיין, נישט געווען אין דער העברעיִשער שול אין ארץ־ישראל. צי איז אַזאַ זאַך מעגלעך ביי וועלכער עס איז אַנטוויקלטער אומה אין דער וועלט? צי שטעלט איר זיך פאָר, אַז אין איינעם אַ טאָג וועט דער פראַנצויזישער רעגירונג איינפאַלן אַריינפירן

אין דער פראַנצויזישער שול דעם לימוד פון פראַנצויזישקייט־באַוווסטזיין, אָדער די ענגלישע רעגירונג — ענגלישקייט־באַוווסטזיין? דאָס וואָלט דאָך געווען אַ טעמע פאַר סאַרקאַסטישע אַנעקדאָטן. אַ פאָלק גיט זיינע קינדער זיין פאָלקס־באַוווסטזיין. אָבער אַפילו ווען מען האָט זיך שפּעטער געכאַפּט, אַז מען האָט אָפּגעטון אַ שרעקלעכע זאַך און מען וויל זי אויסבעסערן, דאַרף עס געמאַכט ווערן קאָנסעקווענט. און אַז מען איז נישט געווען קאָנסעקווענט האָט די „תודעה יהודית" פונקט אַזאַ פעולה ווי קאַלטע באַנקעס. די ערנסטע יוגנט אין ישראל האָט דערפילט, אַז מען האָט איר אין עפּעס גאָר וויכטיקס אָפּגענאַרט, מען האָט איר נישט געגעבן קיין האָמאָגענע גייסטיקע קולטור און טראַדיציעס. דעריבער איז אַנטשטאַנען אַ טיפער תהום צווישן דעם אַלטן דור מנהיגים און דערצי:ער און צווישן דער יוגנט. זיי האָבן נישט פאַקטיש קיין בשותפותדיק לשון. דער תהום צווישן דעם אַלטן דור און דעם יונגן איז ביי אונדז טויזנט מאָל טיפערער ווי עס איז דער „נאָרמאַ־לער" תהום צווישן יעדן אַלטן און יונגן דור אין וועלכן עס איז לאַנד. דאָס שפּיגלט זיך אָפּ דראַמאַטיש נישט בלויז בשייכות צו קולטור־ענינים, נאָר אויך אויפן סאָציאַלן און פּאָליטישן באָדן, אין פּאַרטיי־לעבן און אין געראַנגל פאַר מאַכט.

צופעליק בין איך געווען אַן עדות ווי איינער פון דעם אַלטן דור מנהיגים־דערצי:ער האָט געמאַכט אַ פאָרוואורף איינעם פון די אָנפירער פון „החמאם"־טעאַטער הלמאַי דאָס טעאַטער האָט אויפגעפירט איציק מאַנגערס „מגילה־לידער" אין יידיש. אויף דעם פאָרוואורף האָט זיך אָפּגערופן אַ יונגע פרוי אַ סאַברע: דו האָסט גלות־קאָמפּלעקסן און דו האָסט יידיש, טראָגסטו אַרויס פון דער שיינער פאָרשטעלונג נאָר דעם פאָרוואורף; מיר האָבן נישט קיין גלות־קאָמפּלעקסן, דעריבער געניסן מיר פון דער שיינקייט פון מאַנגערס יידיש און מיר זענען שטאָלץ וואָס „החמאם" האָט די פאָרשטעלונג אויפ־געפירט.

דעם אַלטן דור פעלט דער כוח זיך מודה צו זיין אין דער קולטור־דראַמע, וואָס ער האָט פאַרקאָכט און צו מאַכן דעם נייטיקן אויספיר; דער יונגער דור פילט, אַז עס פעלן אים הונדערטער רינגען אין זיינע קולטור־עמפינדונגען, נאָר עס פעלן אים די כלים און די מיטלען דאָס צעשטערטע צו רעסטאַווירן. דעריבער שפּאַנט ווייטער די מגיפה פון לעוואַנטיניזם און איר פאָרטרעט איז דער דאָמינירנדיקער אין אונדזער מדינה.

III

# מיגראַציע פון „מיזוג־גלויות"

צוזאַמען מיטן שטראָם פון דער מאַסן־עליה פון כמעט אַלע יידישע עדהס, נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה, איז ביי אונדז געשאַפן געוואָרן די טעאָריע צו דומפינגירן דעם פּראָצעס פון צוזאַמענמישן זיך פון די עדהס. דער ענדציל פון דער טעאָריע איז אַ קלאָרער: עס זאָל געשאַפן ווערן אַ האָמאָגען פאָלק, מיט אַן איינהייטלעכער מענטאַליטעט, מיט איין און דעם זעלבן שטייגער, מיט אַן איינהייטלעכער קולטור, לשון, פאַראינטערעסירונ־גען און אַזוי ווייטער.

דער ווונטש צו דערגרייכן אַזאַ ענדציל וואָס שנעלער, איז זיכער אַ פּאָזיטיוער. אָבער אין היץ פון אַקטיוויזם פאַר דער טעאָריע האָבן זיך אירע שעפער נישט געכאַפּט, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט זייער אַ סובטעלער מאַטעריע, מיט נשמה, וואָס יעדע פאָרם פון דומפּינגירן זי איז עלול צו ברענגען פונקט פאַרקערטע רעזולטאַטן. שיינט מיר, אַז נאָך יאָרן פון מי און מיטלען פאַר דער טעאָריע פון דומפינגירטן „מיזוג גלויות״, זעען שוין אויך אין אירע שעפער, אַז מיר זענען איצט אַ סך ווייטער אַפילו פון פאַרשטענדעניש צווישן עדהס, ווי מיר זענען ווען עס איז געווען.

דער טעות פון די מיזוג גלויות־טעאָרעטיקער נעמט זיך דערפון וואָס זיי האָבן באַטראַכט דאָס יידישע פאָלק ווי אַ מאָנאָליטיש פאָלק, וואָס איז צוליב דעם גלות צעזייט געוואָרן. מען דאַרף נאָר די באַזונדערע טיילן איינזאַמלען אין מדינת ישראל און זיי אויפקלערן אין וואָס עס גייט און שוין ווערן זיי צוריק אַ מאָנאָליטיש פאָלק. דער היסטאָרישער אמת איז גאָר אַן אַנדערער.

די יידישע נאַציע איז אַ פּלוראַליסטישע. די צעטיילונג אויף עדהס און שבטים איז נישט קיין רעזולטאַט פון גלות און צעשפּרייטקייט איבער דער וועלט, נאָר אַזאַ איז דער היסטאָרישער געבוי פונעם פאָלק פון אַלע צייטן. ס'איז גאָרנישט קיין צופאַל וואָס גרעץ, וואָס האָט אַן אויסגעשפּראָכן

סוביעקטיוון צוגאַנג צו אונדזער געשיכטע, רופט אָן זיין ווערק „די יידישע געשיכטע״, בעת דער טיפער אַנאַליטיקער שמעון דובנאָוו רופט אָן זיין ווערק „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק״.

דאָס יידישע פאָלק איז געבוירן געוואָרן און זיך אַנטוויקלט אונטערן צייכן פון שבטים און עדהס מיט אומאיבערררייסלעכע אינערלעכע ראַנגלע־נישן אין אַלע תקופות אויך פון יידישער זעלבשטענדיקייט. אַפילו בעת די וואַנדערונגען אין מדבר סיני האָט מען די יידישע אייניקייט געמוזט אויפצווינגען מיט פיזישן כוח — מיט דער דראָונג צוגעדעקט צו ווערן מיטן הר סיני. פאַראַן אַ סברה, אַז די צעטיילונג אויף עדהס און שבטים איז פאָרגעקומען נאָך איידער די יידן זענען אַוועק קיין מצרים. דאָרט האָבן זיי אויפגעהאַלטן זייערע „לאַנדסמאַנשאַפטלעכע״ אָרגאַניזאַציעס און צוריק־קומענדיק אין לאַנד האָבן זיי זיך נישט אויסגעמישט, נישט דורכגעפירט קיין פּראָצעס פון „מיזוג גלויות״, אָדער מיזוג „לאַנדסמאַנשאַפטן״, נאָר זיך פונאַנדערגעגאַנגען טעריטאָריאַל — יעדן שבט זיין חלק לאַנד — און געשאַפן אַ מין פּאָליטישע קאָנפעדעראַציע, כדי געמיינזאַם זיך צו שיצן קעגן אַן אויסערלעכן שונא. די שבטים האָבן דאָך אַפילו גערעדט אין באַזונדערע דיאַלעקטן פון דער געמיינזאַמער נאַציאָנאַלער שפּראַך, אָבער די אינערלעכע רייבונגען און קאָנפליקטן האָבן קיין מאָל נישט אויפגעהערט.

נאָכן טויט פון שלמה המלך איז דאָס פאָלק צעריסן געוואָרן אויף פיינט־לעכע שטיקער אין אַ רעליגיעז־פּאָליטישן קאַמף. ווי מיר ווייסן פון היס־טאָרישע פּרעצעדענטן, ברעכט נישט אויס אַזאַ קאַמף פון נעכטן אויף היינט, נאָר ער רייפט במשך אַ לאַנגער תקופה. דער רעליגיעז־פּאָליטישער קאַמף אין דער מלוכה האָט דערפירט נישט בלויז צו אַ פּאָליטישער שפּאַלטונג, נאָר אויך צו אַ מאַסן־עמיגראַציע פון לאַנד. אייגנטלעך פון דעמאָלט הייבט זיך אָן אונדזער וועלט־געשיכטע. פון דעמאָלט אָן הייבן זיך אָן די באַזונ־דערע גורלות פון גאַנצע טיילן פון אונדזער פאָלק. ביזן היינטיקן טאָג האַלטן מיר דאָך אין איין זוכן די עשׂרת בני השבטים אַפילו צווישן די יאַפּאַנער און מיר קענען זיך נישט אָפּגעפינען.

אויך אַזוי איז געשען אין די ראַמען פון דער געמיינזאַמער מלוכה, מכל שכן אין די באַדינגונגען פון דעם טעריטאָריאַל ריזיקן גלות. וואָס

מער יידן האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבער דער וועלט, אַלץ מער זענען די באַזונדערע טיילן אָפּגעפרעמדט געוואָרן פון זיך שפּראַכלעך, שטייגעריש, פּסיכיש און קולטורעל.

פאַר דעם חורבן פון בית שני זענען די דריי צענטערס — ארץ־ישראל, בבל און מצרים — געווען שטייגעריש און שפּראַכלעך אין אַזאַ פאַרהעלטעניש, לפי ערך, ווי עס זענען היינט צו זיך פראַנקרייך, בעלגיע און די פראַנצויזישע שווייץ, וואָס וואָלטן אייגנטלעך געקענט זיין אין פאָלק אויך לויטן געמיינזאַמען גלויבן און זיי זענען עס נישט. און נאָר ווייל די יידישע רעליגיע איז אַ נאַציאָנאַלע, איז זי אויך געווען דער איינציקער פאַקטאָר, וואָס האָט פאַרבונדן די צענטערס. אויסער דעם רעליגיעזן פאַקטאָר, צו וועלכן עס איז צוגעקומען אויך דאָס וואָס ירושלים איז געווען די מעטראָפּאָליע פון דער רעליגיע — האָט די דריי צענטערס זייער ווייניק פאַרבונדן. נאָך מער אָפּגעפרעמדט איז געווען דאָס יידנטום אין תימן, אין אינדיע און אין די קאָלאָניעס אין אייראָפּע. דאָס געלט, וואָס יידן האָבן דעמאָלט געשיקט פון די גלות־לענדער קיין ירושלים, איז געווען באַשטימט אויסשליסלעך פאַר רעליגיעזע צוועקן.

מיטן אויסשפּרייטן זיך פון יידישע ישובים מער צפונדיק און מערבדיק אין אייראָפּע, מיטן אונטערגיין פון דעם בבלישן צענטער און מיטן אויפקום פונעם שפּאַנישן צענטער, ווערן גאַנצע טיילן פונעם יידנטום זיך אָפּגע־פרעמדט נאָך מער ווי תמיד. דאָס בבלשע יידנטום איז אַריינגעפאַלן אין גייסטיקער אוממאַכט און מער נישט געשפּילט קיין שעפערישע ראָל. דער אָנהייב פון דער רעליגיעזער דיפערענציאַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין בבל (די קראַימער באַוועגונג) נעמט אָן אויך אַנדערע פאָרמען אין אייראָפּע. דער שפּאַנישער צענטער האָט נישט איבערגענומען די ירושה, ווי זי איז געליפערט געוואָרן פון בבל — דעם גאַנצן רעליגיעזן בנין צו זען אין תלמוד, נאָר זי האָט זיך הויפּטזעכלעך געשטיצט אויף לערנען תנ"ך (אַנטקעגן דער אויסשליסלעכקייט פון תנ"ך ביי די קראַימער). דאָס שפּאַנישע יידנטום האָט זיך אַריינגעטון אין פילאָזאָפיע, קבלה און דיכטונג. עס איז געוואָרן, ווי מיר וואָלטן היינט געזאָגט, וועלטלעך. די גרענעץ צווישן דער רעליגיעזער און סעקולערער דיכטונג איז געווען זייער אַ דינע. אין דער

זעלבער צייט האָבן די יידן אין ביזאַנץ, איטאַליע און אין פראַנקרייך זיך פאַרמויערט אין תלמוד, מדרש און אגדה און זיך אויסגעהיט פון צורירן זיך צו פילאָזאָפיע און צום זוהר. בעת אין שפּאַניע איז דעם רמב״מס פילאָזאָפיש־רעליגיעז ווערק געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט אין דער גאַנצער יידישער קולטור־אַטמאָספער, האָבן רבנים אין מאָנפּעליע (אין פראַנקרייך) גאַנץ געשמאַק געברענט דעם „מורה נבוכים״. די נאַציאָנאַלע רעליגיע האָט נישט געהאַט קיין אוממיטלבאַרע קאָמוניקאַציע צווישן דעם שפּאַנישן צענטער און אַלע אַנדערע יידישע ישובים אין אייראָפּע. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז ווען דער שפּאַנישער דיכטער אברהם אבן עזרא האָט באַזוכט פראַנקרייך און רבנו יעקב תם האָט אים אונטערגעטראָגן אַ ליד, וואָס ער האָט מחבר געווען, האָט דער שפּאַנישער דיכטער פשוט געחוזקט פון אים. „ווי אַזוי — האָט ער געשריבן — איז אַ פרעמדער אַריינגעדרונגען אין הייליקן מקדש?״ דער פרעמדער איז דאָ געווען דער בעל התוספות רבנו תם און דער הייליקער מקדש — די העברעאישע און אַראַבישע דיכטונג אין שפּאַניע... דער זעלבער אבן עזרא, בעת ער האָט געוואַנדערט איבער איטאַליע, איז דערשטוינט געוואָרן ווי אַנדערש עס זענען די דאָרטיקע יידן פון די יידן אין שפּאַניע. די איטאַליענישע יידן ווילן נישט לערנען תנ״ך. זיי גיבן זיך אָפּ בלויז מיט תלמודישן פלפול. פאַראַן אַזעלכע, וואָס קענען גאַנץ ש״ס, אָבער זיי פאַרשטייען נישט דעם פשט פון אַ פרשה חומש. דעם גאַנצן כבוד — קלאָגט זיך אבן עזרא — גיט מען אָפּ די געלערנטע אין תלמוד פון ביזאַנץ, בעת די ווילגעלערנטע פון שפּאַניע איז מען נישט גרייט אָפּצוגעבן כבוד. נאָך דעם גירוש ספרד איז דאָס פריער קאָמפּאַקטע שפּאַנישע יידנטום זיך צעלאָפן איבער שבעה ימים. אומעטום, וווּ עס האָט זיך דערשלאָגן אַ טייל פון אָט דעם יידנטום, האָט ער אַריינגעבראַכט אַ פּאָזיטיווע גייסטיקע פערמענטאַציע — אין די צפון־אַפריקאַנער יידישע ישובים, צי אויפן אַזיאַטישן ברעג, אָדער אין אייראָפּע. אָבער קוים אַ צען פראָצענט פון דעם יידנטום האָט אויסגעהאַלטן די וואַגלעניש און די השפעה פון די רעשטלעך האָט נישט געקענט זיין קיין צו טיפע און דויערהאַפטיקע. די השפעה פון קבלה האָט געלאָזט טיפע וואָרצלען אַ דאַנק דעם קבלה־צענטער פון צפת. די רעשטלעך פון דעם שפּאַנישן יידנטום זענען שוין

נישט געווען בכוח צו רעסטאַווירירן עפּעס פון זייער רומרייכער גייסטיקער קולטור, זיי האָבן שוין מער נישט געקענט בייטראָגן צו אַקטיווער יידישער שעפערישקייט. נאַציאָנאַל זענען זיי איינגעשלאָפן. דער טייל פון די שפּאַנישע יידן, וואָס האָט דערגרייכט טערקיי, איז געווען ווייניק אין צאָל און ער האָט זיך שנעל אויסגעמישט מיט די דאָרטיקע יידן, אַזוי אויך די וואָס האָבן דערגרייכט אַשכנז און שפּעטער פּוילן, האָבן זיך פאַרמישט מיט די דאָרטיקע יידן און זייער אָפּשטאַם פון שפּאַניע איז געבליבן בלויז אין זייערע נעמען.

דאָס טערקישע יידנטום האָט געאָגראַפיש פאַרנומען אַ צענטראַלע פּאָזיציע: דורך העפטיקע האַנדלס־באַציונגען האָט עס געהאַט פאַרבינדונגען מיט דעם איטאַליענישן, דייטשן און מיט דעם פּוילישן יידנטום און מיט די יידישע ישובים אין אַזיע. די התקרבות מיט די יידן פון פּוילן האָט אָנגענו־מען גאָר שטאַרקע פאָרמען בעת די קאָזאַקישע שחיטות אויף יידן אין פּאָדאָליע און וואָלין (1648). טויזנטער און טויזנטער פּוילישע יידן זענען פון די טאַטאַרן געבראַכט געוואָרן צו די טערקישע שקלאַפן־מערק און די דאָרטיקע יידן האָבן זיי אויסגעקויפט מיט דער הילף פון די געלטער, וואָס זיי האָבן געזאַמלט ביי די דייטשע און איטאַליענישע יידן. און אַז שפּעטער האָט טערקיי פאַרכאַפּט אַ היפּשן שטיק פון פּוילן — פּאָדאָליע און וואָלין — איז בכלל געקומען צו אַ קולטור־אויסטויש צווישן די טערקישע און פּוילישע יידן. די טערקישע יידן האָבן איבערגעליפערט צו זייערע פּוילישע ברידער דעם שטייגער פון טעאָרעטישער און פּראַקטישער קבלה און די פּוילישע יידן האָבן געהאַט אויף זיי אַ גאָר גרויסע השפּעה מיט זייער פאַרפּאַנצערט יידישקייט. פון אָט דער התקרבות איז דאָך נולד געוואָרן דאָס וויטאַלע בעסאַראַביש־מאָלדאַווישע יידנטום.

מיט די טיילן פון די שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע יידן, וואָס זענען נאָכן גירוש אַוועק קיין פראַנקרייך, איז צו אַזאַ דערנענטערונג קיין מאָל נישט געקומען. זיי האָבן זיך פולשטענדיק סעפּאַרירט פון די אַשכנזישע יידן. זיי האָבן פון די אַשכנזים געווייכט און נישט געוואָלט זיך מיט זיי אידענטי־פיצירן. צוליב זייער באַזונדערער שיטה אין דת, שטייגער און אַלגעמיינעם קולטור־ניוואָ האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אַ וואַנט צווישן זיך און זייערע

אַשכּנזישע ברידער. זיי האָבן געשאַפן באַזונדערע קהילות און געהאַלטן פאַר אַן אומפאַרגעבלעכער שאַנדהאַפטיקייט אַ שידוך צווישן אַ ספרדי און אַן אַשכנזי. אַ ספרדישע משפחה, וואָס האָט זיך משדך געווען מיט אַן אַשכנזישער משפחה, איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער ספרדישער קהילה און איז געזעלשאַפטלעך געווען פון איר פאַרשטויסן, ווי אין אַ חרם.

פאַר די באַציִונגען צווישן די ספרדים און אַשכנזים אין יענער צייט (אין אַכצנטן י״ה) איז כאַראַקטעריסטיש דער פאָלגנדיקער פאַל: וואָלטער האָט אין „דיקסיאָנער פילאָזאָפיק״ פאַרעפנטלעכט אַ שאַרפן אַנטיסעמיטישן פּאַשקוויל, מיט וועלכן שונאי ישראל פּאָכען נאָך ביזן היינטיקן טאָג. האָט זיך געפּעדערט דער ספרדישער באַנקיר אין האָלאַנד, יצחק פּאַנטי, און פאַרעפנטלעכט אַן ענטפער צו וואָלטערן. אין זיין פּאָלעמישער בראָשור האָט יצחק פּאַנטי געענטפערט דעם פראַנצויזישן פילאָזאָף, אַז מיט זיינע אַנטיסעמיטישע טענות איז ער אפשר גערעכט בשייכות צו די אַשכנזישע יידן, אָבער בשום אופן נישט כלפּי די ספרדישע יידן. די ספרדים, האָט פּאַנטי געטענהט, זענען פון אַן אַנדער טייג געקנעטן, זייער אָפּשטאַם איז דירעקט פון שבט יהודה און זיי זענען דעריבער ריינע יידן, בעת דאָס זעלבע קען מען נישט זאָגן וועגן די אַשכנזים, מיט וועלכע די ספרדים האָבן נישט קיין שום פאַרבינדונג אויסער דעם געמיינזאַמען גלויבן.

מיט זיין בראָשור האָט פּאַנטי נישט אויסגעדריקט זיין פּערזענלעכע מיינונג, נאָר די מיינונג פון די ספרדים אין מערב־אייראָפּע בכלל און ער האָט אַזוי אַרום פאַר דער וועלט דעקלאַרירט, אַז די ספרדים און אַשכנזים זענען צוויי באַזונדערע פעלקערשאַפטן מיט אַ געמיינזאַמען נאַציאָנאַלן גלויבן. פון דעם אויבנדיקן דרינגט אַרויס, אַז די אָפּגעפרעמדקייט צווישן די ספרדים און אַשכנזים איז געווען אַזאַ טיפע, אַז די ערשטע האָבן בכלל נישט געקענט און נישט געוואָלט דערקענען די אַשכנזים, פּונקט ווי וואָלטערס אַנטיסעמיטיזם האָט זיך גענומען פון נישט קענען די יידן איבערהויפּט.

דער באַגריף, וואָס האַלט אָן ביז אונדזערע צייטן, „ספרדי טהור״, באַצייכנט נישט דאָס געפיל פון סופּרעמאַציע כלפּי פנים פון דער עדה, נאָר כלפּי חוץ און נישט נאָר אין שייכות צו די אַשכנזים, נאָר אין שייכות

צו אַלע אַנדערע יידישע עדהס, וואָס זייער אָפּשטאַם איז נישט פון שפּאַניע, אַפילו ווען זיי האָבן געלעבט אין דער קולטור־ספערע פון די שפּאַנישע יידן — די יידן אין צפון־אַפריקע — אַלשזיר, מאַראָקאָ, טוניס, ליביע א״אַ. ס'איז נאַטירלעך קלאָר, אַז אויך די יידן פון איראַק האָבן אַ סיבה פאַר זייער העכערקייט און במילא פאַר זייער אָפּגעפרעמדטקייט פון אַלע אַנדערע עדהס: זיי זענען יידן פון בבל, פון דעם צענטער, פון וועלכן די גאַנצע יידישע נאַציע האָט זיך געשפּייזט.

די אָפּגעפרעמדטקייט פון די עדהס האָט אָפּט מאָל אָנגענומען פאָרמען פון אַקטיווער פאַראַכטונג און שנאה, ווי דאָס געשעט צווישן איין נאַציע און אַ צווייטער. איך האָב עס באַמערקט לעבנדיק אַ לענגערע צייט אין אינדיע. די דאָרטיקע יידן זענען באַשטאַנען פון דריי עדהס: די בני ישראל, די קאָטשינער און די באַגדאַדער. די „אויטאָכטאָנע" יידן אין אינדיע, די בני ישראל, זענען געקומען צום פּריסטן. זיי געפינען זיך אין אינדיע מסתמא פון די צייטן פון חורבן בית ראשון, די קאָטשינער זענען אַ גאָר פרי'ע אימיגראַציע פון בבל, דאַקעגן זענען די באַגדאַדער אַ פאַרהעלט־נישמעסיק יונגע אימיגראַציע פון בבל. צווישן די דריי עדהס האָט געהערשט אַ תהום, נישט איבערצובריקן. די קאָטשינער יידן האָבן געוויכט פון די בני ישראל ווי פון ממזרים און זיי בכלל נישט אָנערקענט ווי יידן. דערפאַר האָבן די באַגדאַדער נישט אַריבערגעלאָזט איבער זייער שוועל סיי די בני ישראל און סיי די קאָטשינער. אין באָמביי האָט אַ בני ישראל נישט געהאַט קיין דריסת הרגל אין אַ בית־הכנסת פון באַגדאַדער יידן און אַ באַגדאַדער הויז־אייגנטימער האָט אַזאַ איינעם נישט פאַרדונגען אַ דירה.

אין ליכט פון די דאָזיקע פאַקטן קען מען מאַכן דעם אויספיר, אַז נישט געקוקט אויף דער נאַציאָנאַלער רעליגיע זענען די יידישע עדהס זיך אָפּגעפרעמדט געוואָרן, ווי עס זענען פרעמד צו זיך אַנדערע פעלקערשאַפטן, וואָס זיי פאַרבינדט, אָדער פאַרבינדט נישט אַ געמיינזאַמע רעליגיע. דאָך, דאָס באַוווסטזיין פון אָנגעהערן פון אַלע עדהס צו איין נאַציע באַזירט זיך, פון איין זייט, אויף דער נאַציאָנאַלער רעליגיע, און פון דער צווייטער זייט איז דאָס באַוווסטזיין אויפגעהאַלטן געוואָרן צוליב די פאָראורטיילן און דיסקרימינאַציעס, וואָס אַלע יידישע עדהס האָבן געליטן, ווייל זיי האָבן

געטראָגן מיט זיך די יידיש־נאַציאָנאַלע רעליגיע. אָט דער שטריך איז כאַראַקטעריסטיש נישט בלויז פאַר עדהס, וואָס זענען דערווייטערט פון איינאַנדער געאָגראַפיש, שטייגעריש און שפּראַכלעך, נאָר בכלל פאַר יידן, אַפילו ווען זיי געפינען זיך אונטער איין דאַך און רעדן איין און דעם זעלבן לשון. דער „נאָרמאַלער" שטייגער איז צעריסנקייט און צעשפּאָלטנקייט, זיי זענען עלול זיך אַליין צו צעשטערן, אָבער ווען אַלע צוזאַמען דראָט אַ סכנה פון אויסן, איז נישט פאַראַן קיין גלייכן צו זייער אחדות און צו זייער פעלדזנפעסטקייט...

די גאולה־וויזיע, וואָס איז אַן אינטעגראַלער טייל פון יידישן דת, האָט זיך איינגעוואָרצלט אין דער יידישער נשמה אַזוי שטאַרק, אַז זי הערט נישט אויף צו ווירקן אַפילו ביי אַזעלכע יידן, ביי וועלכע די רעליגיעזע בענדער זענען לויז געוואָרן, אָדער זייער רעליגיעזע אויפפאַסונג האָט זיך דערווייטערט פון צענטער. פון דאַנען נעמט זיך עס, וואָס יידן זענען אַזוי שטאַרק באַטייליקט אין אַלע באַפרייונגס־באַוועגונגען און רעוואָלוציעס ווו זיי זאָלן נישט פאָרקומען. אַפילו איצט, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זענען דאָך יידישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פאָרנומען מיטן קאַמף פון די נעגער פאַר גלייכבאַרעכטיקונג. די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וואָס האָט שפּעטער אַ ביסל, אין 1918, געענדערט דעם גאַנג פון דער וועלט־געשיכטע, האָט דאָך גאָר אַ סך צו פאַרדאַנקען דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ליטע און אין פּוילן. זי האָט זיך געקענט באַפרייען פון די רעליגיעזע פאָרמען, איבערוועקסלען דעם רעליגיעזן פּאַטאָס אויף וועלטלעכע רעלסן, זי האָט זיך אָבער נישט געקענט באַפרייען פון דער גאולה־וויזיע, וואָס איז ביי יידן געוואָרן כמעט אַטאַוויסטיש. און ווידער: די גאולה־וויזיע איז נישט קיין דערפינדונג פון גלות און נישט קיין רעזולטאַט פון גלות. זי איז געבוירן געוואָרן ווען יידן זענען געווען אין זייער אייגן לאַנד און מיט זייער אייגענער מלוכהשקייט. אירע קלאַסיקער זענען געווען אונדזערע נביאים. די צאָל משיחים ביי יידן איז געווען גרעסער אין ארץ־ישראל ווי די צאָל משיחים וואָס זענען אויפגעקומען אין גלות. ווערדליק דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז יידן האָבן אַ משיח־קאָמפּלעקס און דער משיח־קאָמפּלעקס איז ביי זיי אַקוט אין אַלע

באַדינגונגען, סיי ווען זיי זענען אין זייער אייגן לאַנד און סיי ווען זיי זענען אין גלות.

דעריבער, ווען עס איז אַנטשטאַנען די מדינה, האָבן אַלע עדהס, אומ־אָפּהענגיק פון זייער דערווייטערונג און אָפּפרעמדונג פון איינאַנדער, באַקומען אַ גאולה־שאָק אין פולן זין פון דעם וואָרט. דער שאָק האָט פאַרכאַפּט אַפילו אַזעלכע, וואָס זענען געווען ווייט פון דת בכלל, מכל שכן זענען פון אים פאַרכאַפּט געוואָרן די עדהס, וואָס די רעליגיע איז ביי זיי געווען דער איינציקער און אויסשליסלעכער גייסטיקער אַטריבוט.

דאָס האַרציקע תימנער יידנטום, וואָס האָט אַ מאָל נישט געוואָלט אַפילו הערן דעם רוף פון עזרא הסופר צוריקצוקערן קיין ארץ־ישראל, איז דאָס מאָל גאולהדיק אויפגעטרייסלט געוואָרן ביז די וואָרצלען, אַלץ איבער־געלאָזט און עולה געווען. אַזוי אויך אַנדערע עדהס, אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען פון דער וועלט. אַפילו קראַימער, וואָס מיר האָבן זיי באַטראַכט ווי אַן אָפּגעדאַרטע צווייג פון אונדזער נאַציע, און אַפילו שומרונים, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ אומעטיקע ראָל אין דער שפּאַלטונג פון מלכות ישראל. די עליה איז געווען אַ סוביעקטיווע אין דעם זין, אַז זי איז באַוויזן געוואָרן דורך דער גאולה־וויזיע, דאָס אָבער הייסט נישט, אַז די עדהס האָבן גענומען אויף זיך וועלכע עס איז התחייבות אויפצוגעבן זייער אידענ־טיטעט. דער רוף זיך אויסצומישן איז נישט געקומען פון די עדהס, נאָר איז געקומען ווי אַ ווונטש פון אויבן, הגם עס זענען נישט צוגעגרייט געוואָרן די יסודות, וואָס זאָלן אָביעקטיוו דערמעגלעכן אַזאַ מיזוג.

צי איז בכלל מעגלעך אַ דומפינגירטער מיזוג? צי זענען שבטים און פעלקערשאַפטן גרייט אויפצוגעבן זייער אידענטיטעט?

עטלעכע היסטאָרישע פּרעצעדענסן וועלן אונדז דערנענטערן צו ענטפערן אויף די פראַגן. וואָרעם די מאַסנהאַפטיקייט פון דער עליה נאָך דער אַנטשטייונג פון דער מדינה איז נישט די ערשטע מיגראַציע אין דער מענטשלעכער געשיכטע. דאָס וואָס דער גורם פאַר דער מאַסן־עליה איז די אַנטשטייונג פון דער מדינה, ענדערט נישט דעם פאַקט לגבי אונדזערע פראַגן. יעדע מיגראַציע האָט אירע סיבות, ווי קאַטאַסטראָפעס, פאַרפאָל־

גונגען, רעליגיעזע קאַמפן, מלחמות און אַנדערע און אין יעדער עמיגראַציע זוכט דער עמיגרירנדיקער דערלייזונג פון עפּעס, וואָס קוועלט אים.

די ערשטע מאַסן־מיגראַציע איז געווען די פעלקער־וואַנדערונג אין אָנהייב פון מיטלאַלטער. פאַרשידענע שבטים, הויפּטזעכלעך גערמאַנישע, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אייראָפּע אין אַזאַ צאָל, אַז זיי האָבן איבער־געשטיגן די איינגעבוירענע. עס האָבן אַראָפּגעוואַנדערט די גאָטן, אַלעמאַ־נער, בורגונדער, פראַנקן, אַנגעלן, זאַקסן, סלאַוון, וואַנדאַלן, הונען און מאַנגאַלן. די וואַנדערנדיקע שבטים זענען נישט אַריינגעפאַלן אין אַ קולטור־וואַקום. אין אייראָפּע האָבן געהערשט רייכע קולטורן און אויך דער יונגער קריסטיאַניזם איז געווען זייער טיכטיק. דאָך האָבן די פּרימיטיווע שבטים זיך נישט דערהויבן צו דער רוימישער און גריכישער קולטור, נאָר זיי האָבן זי פּשוט פאַרפלייצט און צעריבן. די אָנגעקומענע שבטים האָבן זיך לגמרי נישט גערעכנט דערמיט וואָס לאַטיין איז אַ לאָגישע, עקזאַקטע און בילדערישע שפּראַך, נאָר זיי האָבן דאָס שיינע קולטור־לשון פאַרדאָרבן און פאַרזשאַרגאָניזירט אין איטאַליעניש, פראַנצויזיש, שפּאַניש, פּאָרטוגע־זיש, רומעניש און אַנדערע לשונות. אויך די שפּראַך פון האָמער און אַריסטאָ איז ווולגאַריזירט געוואָרן, אַז די גריכן אַליין האָבן אויפגעהער'ט זי צו פאַרשטיין. אין דעם דאָזיקן געווירבל פון שבטים זענען אויך מיט־געבראַכטע לשונות פאַרלוירן געגאַנגען, מנהגים און שטייגערס האָבן זיך אויסגעמישט. און ווי עס געשעט תמיד, אַז קולטורן גלייכן זיך אויס אין דער נידער און נישט פאַרקערט — אַזוי איז אויך געשען אין רעזולטאַט פון דער פעלקער־וואַנדערונג: די קולטור פון אייראָפּע האָט זיך אויסגע־גלייכט אין דער נידער. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די פינצטערע עפּאָכע, די תקופה פון מיטלאַלטער, וואָס האָט געדויערט אַ קאַרגע טויזנט יאָר. אַ דריי הונדערט יאָר האָט געדויערט ביז פון דעם שבטים־געווירבל (איך שטרייך אונטער: שבטים הויפּטזעכלעך פון איין שטאַם — דעם גערמאַ־נישן) האָבן זיך אָנגעהויבן אָנצייכענען די קאָנטורן פון נייע שפּראַכן, פּאָליטישע אָרגאַניזמען און באַזונדערע שטייגערס. דעמאָלט זענען אויפ־געקומען די מדינות פון דייטשלאַנד, איטאַליע, פראַנקרייך, ענגלאַנד, רוסלאַנד א״אַ. רוים און איר קולטור איז געפאַלן אַ קרבן פון דעם פּרווו

צו קאָנטראָלירן דעם פּראָצעס. ווייל די רוימער, די איינגעזעסענע, זענען געווען אַ זאַטע מינדערהייט אַנטקעגן דעם מאַסנהאַפטן אָנפּלייץ.

גאָר אַנדערש איז געווען מיט דער מאַסן־עמיגראַציע קיין צפון־אַמע־ריקע. בעת אַמעריקע איז אַנטדעקט געוואָרן, זענען אין אייראָפּע געווען געאָרדנטע מדינות מיט נאַציאָנאַלע קולטורן. אין צפון־אַמעריקע האָט זיך קאָנצענטרירט אַן אַנגלאָזאַקסישער עלעמענט; אין דרום־ און צענט־ראַל־אַמעריקע — אַ שפּאַנישער און פּאָרטוגעזישער עלעמענט. די מאַסנ־האַפטע עמיגראַציע אין צפון־אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן ערשט נאָך דעם ווי אַמעריקע איז געוואָרן זעלבשטענדיק און די ערשטע אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע איינגעפירט פולשטענדיקע פרייהייט פון גלויבן, פרייהייט און טאָלעראַנץ פאַר יעדער קולטור־גרופּע, פאַר אַלע פעלקערשאַפטן, פאַר יעדן שטייגער און פאַר יעדן לשון.

דווקא ווייל אַמעריקע האָט געגעבן די איינגעוואַנדערטע די פולע ציווילע און גלויבן־פרייהייט, דווקא ווייל זי האָט נישט געוואָלט קאָנט־ראָלירן און אונטעראָרדענען די מענטשלעכע נשמה — איז די אַמעריקאַ־נער נאַציע געוואָרן די מוסטערהאַפטסטע, די אַממערסטן פּאַטריאָטישע און די אַממערסטן פּראָספּערירנדיקע נאַציע אין דער גאַנצער וועלט. דווקא די פּלוראַליסטישע אַמעריקאַנער נאַציע איז די געזונטסטע. און עס איז פשוט פּאַראַדאָקסאַל, אַז בעת די אוניפאָרמירטע און עטניש־האָמאָגענע מדינות, מיט צוואַנגס־אַסימילאַציע, ליפערן כסדר עמיגראַנטן פאַר צפון־אַמעריקע, ווייסט נישט די אַמעריקאַנער פּלוראַליסטישע מדינה פון אַזאַ זאַך ווי עמיגראַציע. אַ דאַנק איר פּלוראַליזם און נישט מישן זיך אין די אינערלעכע ענינים פון די פעלקערשאַפטן, איז די אַמעריקאַנער נאַציע אימוניזירט קעגן שאָוויניזם, זי איז אָבער די אַממערסטן פּאַטריאָטישע נאַציע אויף דער וועלט. אַ סך ביי אונדז האָבן זיך געריכט, אַז נאָך דער אַנט־שטייונג פון דער מדינה וועלן לכל הפחות די געשוווירענע ציוניסטן אין צפון־אַמעריקע זיך אויפהייבן מאַסנווייז און עולה זיין קיין ישראל און נאָכציען נאָך זיך אויך נישט־ציוניסטן. גאָרנישט פון דעם איז געשען. נישט בלויז זענען ציוניסטן נישט אַוועק פון אַמעריקע צו אונדז, נאָר פאַרקערט — פון ישראל גייט אַן עמיגראַציע קיין אַמעריקע. אָבער דאָס

איז נישט שייך בלויז ייִדן, וואָס אַ סך ביי אונדז וואַרפן זיי פאָר, אַז זיי האָבן אויסגעקליבן דעם „סיר הבשר". ביזן היינטיקן טאָג קעמפן די אַמעריקאַנער נעגער פאַר פולער גלייכבאַרעכטיקונג און אינטעגראַציע. האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז נאָך דעם ווי די מערהייט לענדער אין אַפריקע זענען געוואָרן אומאָפּהענגיק און די שוואַרצהויטיקע זענען די הערשער — וועלן מיליאָנען פון צווישן די דיסקרימינירטע נעגער אין אַמעריקע זיך אויפהייבן און „עולה זיין" אין די אַפריקאַנער לענדער, ווו מען וואָלט זיי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. גאָרנישט פון דעם. די אַמעריקאַנער נעגער פאָלט גאָרנישט איין אַזאַ זאַך; זיי קעמפן פאַר גלייכבאַרעכטיקונג אין דער פלוראַליסטישער נאַציע, איידער צו עמיגרירן און צו ווערן פּאַוואַריזירט אין די אַפריקאַנער ברידער־מדינות.

לאָמיר זיך איצט איבערטראָגן אין אַ צווייטער גרויסער מדינה מיט אַ סך פעלקערשאַפטן — רוסלאַנד.

פריִער דאָס צאַרישע רוסלאַנד און שפּעטער דאָס קאָמוניסטישע האָבן געמאַכט גוואַלדיקע אָנשטרענגונגען צו רוסיפיצירן די פעלקער אין אירע גרענעצן.

די ווייסרוסן, אוקראַיִנער און גרויסרוסן זענען אַלע סלאַוון, עטניש זענען זיי פאַקטיש איין פאָלק, פון דעם זעלבן רעליגיעזן גלויבן, זייערע שפּראַכן זענען דיאַלעקטן פון איין און דער זעלבער אַלטסלאַווישער שפּראַך, זייער שטייגער איז אַ בשותפותדיקער און אויך זייערע מנהגים. וויפל כוחות האָבן די צאַרן אַוועקגעגעבן אויף צו רוסיפיצירן די ווייסרוסן און אוקראַיִנער? ס'איז נישט געגאַנגען. וואָס שטאַרקער עס איז געווען און איז דער רוסיפיקאַטאָרישער דרוק פון אויבן — אַלץ מיט מער עקשנות קלאַמערן זיך די אוקראַיִנער און ווייסרוסן אין זייער ביז גאָר דינעם אייגנאַרט און דער סעפּאַראַטיזם ביי די אוקראַיִנער איז נאָך היינט געווען אַזוי שטאַרק ווי ער איז געווען אין די צאַרישע צייטן.

הונדערט און פופציק יאָר האָבן די צאַרן געחלומט צו רוסיפיצירן די ייִדן. זיי האָבן די רוסיפיקאַציע אונטערגעשטיצט מיט פּאָגראָמען און נגישות פאַר די האַרטנעקיקע, כדי צו מאַכן זיי וויכער, און געגעבן פּריווי־לעגיעס די רוסיפיצירטע. דעם זעלבן סיסטעם האָבן איבערגענומען די

פירער פון דעם קאָמוניסטישן רוסלאַנד. פון אָנהייב האָבן זיי געפּרוּווט מיט אויסגעקליגלטער דיוועסיע: דערלויבן די יידן צו זיין „נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם" און „סאָציאַליסטיש (לייען: רוסיש) לויטן אינהאַלט". זיי האָבן די יידן געגעבן אַלע מעגלעכקייטן פאַר קאַריערעס און מאַכט־דערגרייכונגען. דעמאָלט האָט טאַקע די רוסיפיקאַציע פון די יידן אָנגענו־מען גאַנץ ערנסטע פאָרמען. די „נאַציאָנאַלע פאָרם" איז געוואָרן וואָס אַ מאָל מער שווינדזיכטיק און דער „סאָציאַליסטישער אינהאַלט" האָט אָפּגעהאַלטן זיגן. אָבער פונקט ווי סטאַלין האָט נישט געהאַט קיין געדולד און אַלע זיינע קאַפּריזן געוואָלט דערגרייכן ביי זיין לעבן און אויף דעם פּונקט איז ער משוגע געוואָרן, אַזוי איז ער אויך משוגע געוואָרן פון אומגעדולד כלפּי דעם רוסיפיקאַציע־פּראָצעס פון די יידן. די נייע פירער פון רוסלאַנד האָבן שוין מער נישט רעסטאַווירירט די פאַרשניטענע טובער־קולאָזע „נאַציאָנאַלע פאָרם" בנוגע יידן, נאָר איז ווייטער ממשיך דעם רוסיפיקאַטאָרישן פּראָצעס מיט אַדמיניסטראַטיוון כוח. דער רעזולטאַט איז אַזאַ, אַז נאָך קיין מאָל זינט דעם סאָוויעטישן רעזשים זענען יידן אין רוסלאַנד נישט געווען אַזוי נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניק, נאַציאָנאַל פאַרעקשנט און געשפּאַנט ווי היינט.

עס ליגט טיף אין דער מענטשלעכער נאַטור — סיי פונעם יחיד און סיי פון קאָלעקטיוו — צו זיין דער באַלעבאָס איבער זיך, איבער זיינע געוווינהייטן, שטייגער, טראַדיציעס, לשון און אַנדערע אַטריבוטן, וואָס שאַפן זיין פּערזענלעכקייט. ער קען דאָס אַלץ אויפגעבן פון זיין אייגענעם ווילן, אויב ער טרעפט זיך אָן אויף אַ העכערער, אימפּאָנירנדיקער קולטור. ווי נאָר אָבער אַ מענטש דערפילט דעם מינדסטן דרוק, ער זאָל ווערן אַנדערש, ער זאָל אויפגעבן זיין פּערזענלעכקייט — מאָביליזירט זיך זיין ווידערשטאַנד און ער וועט זיין פּערזענלעכקייט פאַרפּאַנצערן מיט עקשנות.

## מיזוג גלויות אין סעקולערע באַדינגונגען

דער פּסוק „בשיבת ציון ד' היינו כחולמים" וואָלט וואָרשיינלעך געאַר־בעט, ווען דער פּראָצעס פון קיבוץ גלויות וואָלט פאָרגעקומען נאָך דעם ווי משיח בן דוד וואָלט געקומען. דעמאָלט וואָלטן זיך אַלע יידן — און

נישט עדהס! — אויסגעזעצט אַרום די טישן ווי גלייכע און וואָלטן געגעסן די זעלבע פּאַרציעס לויתן און שור הבר. נאָר אין אַזאַ פאַל וואָלט דער פּראָצעס פון מיזוג גלויות געווען נישט קיין פּראָבלעמאַטישער. ווייל אַלע וואָלטן דעמאָלט אַרומגעגאַנגען כחולמים און וואָלטן געהאַט פאַרגעסן פון וואַנען זיי זענען געקומען און ווער זיי זענען געווען. אויך ווען דער קיבוץ גלויות וואָלט פאַרגעקומען אין אַ תקופה ווען דת איז דער דאָמינירנדיקער פאַקטאָר ביי אַלע עדהס, וואָלט דער פּראָצעס פון „מיזוג" געווען אַזאַ פּשוטער ווי ער איז, לאָמיר זאָגן, אין דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני־ברק.

דעם רוב מנין ובנין פון די עדהס, געקומענע מיט דער מאַסן־עליה, בינדט נישט דער רעליגיעזער פאַקטאָר. מעג מען די עליה אָנרופן שיבת ציון, און אוודאי האָט יעדער ייד באַזונדער ביים באַטרעטן די ערד פון ארץ־ישראל געפילט דעם ציטער פון גאולה, דאָך האָט יעדע עדה מיט־געבראַכט איר באַזונדער פעקל. אין די סעקולערע באַדינגונגען האָט קיינער נישט פאַרגעסן, אַז ער איז אָפּגעפרעמדט פון אַנדערע עדהס אפילו אַ פּאָר טויזנט יאָר, ער האָט אַנדערע געוווינהייטן, ער האָט אַן אַנדער לשון, וואָס איז דאָס לשון פון זיין געמיט, ער האָט אַן אייגענע פערזענלעכקייט, וואָס אַ דאַנק איר האָט ער איבערגעהאַלטן.

יעדע עדה האָט אירע פאָרמען, איר באַזונדערע מענטאַליטעט, איר גאַנץ באַזונדערע פאַרגאַנגענהייט, מיט וועלכע זי איז שטאָלץ און מיט וועלכע זי טיילט זיך אויס סוביעקטיוו פון אַנדערע עדהס. די יידן פון איראַק זענען די אייניקלעך פון יענעם גיגאַנטישן יידנטום, וואָס האָט געשאַפן דעם תלמוד אַדאַנק וועלכן עס איז געוואָרן מעגלעך צו צעמענ־טירן די יידישע נאַציע אין אַלע גלות־באַדינגונגען. די ספרדישע יידן זענען די אייניקלעך פון יענער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט פאַרבונדן דת מיט פילאָזאָפיע, ליטורגישע דיכטונג מיט וועלטלעכער פּאָעזיע, זי האָט יידישקייט אוניווערסאַליזירט. דאָס יידנטום פון תימן איז געווען דער איינציקער יידישער שבט אין גלות, וואָס האָט געהאַט אייגענע מלוכהשקייט און אויסגעשפּרייט די השפעה פון יהדות אויף ביידע ברעגעס פון דעם רויטן ים, אויפן אַראַבישן האַלב־אינדזל און מזרח־אַפריקע. דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידנטום איז געווען דער גרעסטער גייסטיקער

צענטער אין גלות און ער האָט געשאַפן אַלע נאַציאָנאַלע אַטריבוטן אייג־שליסלעך מיט דעם טעריטאָריאַלן אַטריבוט — מדינת ישראל. אַזוי איז יעדע עדה אַן אויסגעשפּראָכענע פּערזענלעכקייט, וואָס מאַכט זי פּאַר אַ באַזונדער פאָלקשאַפט, פּאַר אַ באַזונדער שטאָלצן שבט.

דאָס געפיל פון אַ יצחק פּאַנטי אין אַכצנטן יאָרהונדערט אין האָלאַנד איז נאָך פריש און ווירקנדיק ביי די היינטיקע ספרדים, אַז זיי שטייען העכער פון די אַשכנזים. אַן ענלעך געפיל פון העכערקייט האָבן די אַשכנ־זים. זיי האָבן אויפגעריכט דאָס נייע ארץ־ישראל; פּאַר דער טראַגעדיע פון זייער עדה איז זיי געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו האָבן אַן אייגענע מדינה; די פּיאָנערן אין לאַנד זענען געווען אשכנזים. דער באַגריף עליה איז טאַקע זייער אַ פּאַטעטישער, ווי עס איז פּאַטעטיש דער באַגריף „קיבוץ גלויות", אָבער למעשה איז די עליה פון יעדער עדה — אימיגראַ־ציע, מיט אַלע ליידן און שוועריקייטן, וואָס אימיגראַציע אין אַ ניי לאַנד, מיט נייע באַדינגונגען, איז גורם. ביים אָנקומען אין לאַנד האָבן יידן געקושט די ערד, דאָך ביים אַריינקומען אין די מעברות, אין די לייוונטענע אָדער בלעכענעביידלעך, ביים שטיין אין די רייען נאָך אַ טעלער זופּ — איז דער גאולה־ציטער פאַרטרעטן געוואָרן פון דעם אימיגראַנטישן ציטער פאַר די שווערע אָפּט אויסזיכטלאָזע באַדינגונגען. אַפילו זיי זאָלן האָבן צען מאָל אין טאָג איבערגעחזרט דעם פּסוק „בשיבת ציון ד׳ היינו כחולמים", חלומען זיי פּאַקטיש וועגן גאַנץ פּראָזאַישע ענינים: וועגן אַ דאַך איבערן קאָפּ, וועגן אַ מענטשלעכע באַציאונג צו זיי און וועגן אַ ביסל אַרבעט.

צווישן די מעברות און די אַזוי גערופענע ותיקים האָט זיך גלייך געשאַפן אַ סאָציאַלער תהום, קעגן וועלכן עס האָט מורד געווען די פּערזענ־לעכקייט פון יעדער עדה באַזונדער.

די אָפּגעפרעמדטקייט איז צווישן אַלע עדהס, די דיפערענציאַציעס צווישן די מזרח־עדהס גופא איז נישט קלענער ווי צווישן די מזרח־עדהס און אשכנזים. אָבער פּאַקטיש האָבן זיך געשאַפן צוויי לאַגערן: די הערשנדיקע אשכנזים און די באַהערשטע מזרח־עדהס. צוויי גורמס האָבן דערפאַר געווירקט: ערשטנס, ווייל די אשכנזים זענען די אָנפירער פון לאַנד און

זיי האַלטן די שליסל־פּאָזיציעס פון דער מדינה, און צוויטנס, ווייל די עולים־אשכנזים, דורכגעבּרענטע אין נסיונות, אין קאַצעטן און פאַרשיקונגס־לאַגערן, האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע מאָס פון פערזענלעכער איניציאַטיוו און גענומען זייער גורל אין די אייגענע הענט. אַ סך פון זיי האָבן איבער־געלאָזט די קליטה־אינסטאַנצן, אַנטלאָפן פון די מעברות און זיך אַליין איינגעאָרדנט אין די שטעט. דאַקעגן האָבן די מזרח־עדהס זיך פאַרלאָזט אויף די קליטה־אינסטאַנצן, וואָס האָבן צוליב די אָדער אַנדערע מאָטיוון סעפּאַרירט די עדהס אין באַזונדערע דערפער און שטעטלעך.

וועלכע מאָטיוון עס זאָלן נישט האָבן געווען, האָט דאָס סעפּאַרירן באַזונדער יידן פון בבל, באַזונדער יידן פון מאַראָקאָ, באַזונדער יידן פון תימן, אָדער פון די אַטלאַס־בערג, צו דער היסטאָרישער אָפּפרעמדונג צוגעגעבן סאָציאַלע פאַרביטערונג און אַ פלאָץ פאַר חשדים און פאַר־אורטיילן. אַ זייטיקער, וואָס באַזוכט אַזעלכע דריי אָרטשאַפטן ווי, לאָמיר זאָגן, אשקלון, רמת אביב און ראש העין, וועט קוים גלייבן, אַז דאָס זענען דריי ישובים אין איין לאַנד.

ווען אונדזער מדינה זאָל האָבן אַן אייגענע האָמאָגענע קולטור, וואָס זאָל אימפּאָנירן אַלע עדהס, וואָלט אויך גענומען אַ גאַר־גאַר לאַנגע צייט אויף אָפּצושוואַכן די היסטאָרישע אָפּפרעמדונג צווישן די עדהס און די נייע חשדים און פאַראורטיילן. אָבער אַזאַ האָמאָגענע אימפּאָנירנדיקע קולטור איז נישטאָ — באַהאַלט זיך יעדע עדה אין איר פערזענלעכקייט און זי שיצט זיך הינטער דעם פּראָטעסט קעגן די גוואַלדיקע סאָציאַלע אונטערשיידן. דעריבער קען נישט נאָר נישט זיין קיין רייד וועגן אַ דומ־פּינגירטן מיזוג גלויות, נאָר אַפילו אַן עוואָלוציאָנערער פּראָצעס פאַר אַזאַ מיזוג גלויות איז אוממעגלעך כל זמן עס וועט נישט פאַרשאַטן ווערן דער סאָציאַלער תהום, וואָס טיילט פונאַנדער די עדהס.

יעדער דומפּינג אין דער ריכטונג פון מיזוג גלויות אָן צו באַזייטיקן די סאָציאַלע און בילדונג־שוועריקייטן, וועט גאָרנישט פּאָזיטיווס דער־גרייכן, אויסער ווייטערדיקע רייצונגען, וואָס וועלן צייטיקן פאַרקערטע רעזולטאַטן פון די, וועגן וועלכע עס טראַכטן די טעאָרעטיקער און פּראַק־טיקער פון מיזוג גלויות.

# IV

# דאָס לשון יידיש

די שפּראַכן־פאָרשונג און די נאַטור־פאָרשונג — די צוויי וויסנשאַפטן, וואָס האָבן די נאָענטסטע שייכות צום מענטש גופא — כאַראַקטעריזירט דער זעלבער פאַטאַלער שטריך: זיי נעמען אַרום דאָס מאַטעריעלע פון די פענאָמענען, אָבער רירן זיך נישט צו צו זייער נשמה.

דער נאַטור־פאָרשער וועט אייך אָנרופן אַ באַשטימטע תקופה פון עוואָ־לוציע, ווען דער מענטש איז איבערגעגאַנגען פון דעם שטאַפּל חיה צו דעם שטאַפּל פון האָמאָ סאַפּיענס; ער וועט אייך ברענגען אַנטראָפּאָלאָגישע באַווייזן פון איבערגאַנגען פון פירפיסיקייט צו צווייפיסיקייט און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער, וואָס איז פאַר זיך גופא זייער אינטערעסאַנט. ער וועט אייך אָבער גאָרנישט קענען זאָגן וועגן דעם פענאָמען פון דער מענטשלעכער נשמה, וועגן דעם געטלעכן אין מענטש, וועגן דעם פענאָ־מען פון מענטשלעכער גאונות.

פאַר וואָס איז קאָפּערניקוס, דער רמב״ם צי שפּינאָזע, מיקעל אַנדזשעלאָ, פאַסטער, צי איינשטיין יוצאים מן הכלל, הגם די געזעצן פון עוואָלוציע גילטן פאַר אַלע גלייך? אויך פאַר זיי און נאָך זיי האָט דער מענטש נישט אויפגעהערט צו זוכן די סודות פון דער וועלט־מיסטעריע אין אַלע אירע דערשיינונגען. זיי בלייבן אָבער פאַר דער וויסנשאַפט פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. אַפילו די פּסיכאָלאָגן און סאָציאָלאָגן מיט אַלע זייערע קאָלאָ־סאַלע דערגרייכונגען בלייבן דאָ שטיין — אין סך הכל — אומבאַהאָלפן. וואָרעם מענטשלעכע גאונות, ווייזט זיך אַרויס, איז אַפילו נישט אָפּהענגיק פון די פאַקטאָרן, וואָס מיר רופן אָן קאָנווענציאָנעל „נאָרמאַלע באַדינגונגען״ פאַר אַנטוויקלונג. מיקעל אַנדזשעלאָ האָט געהאַט נאָרמאַלע באַדינגונגען, געווען אין זיין אייגן לאַנד, צווישן זיין אייגן פאָלק, אָבער שפּינאָזע איז געווען אַ גערודפטער ייד אין אַ פינצטערער קאַטוילישער וועלט. קאָפּער־ניקוס האָט געלעבט אין נאָרמאַלע באַדינגונגען, אָבער דער רמב״ם האָט, ווי אַ ייד אין דער מיליטאַנטישער מאַכמעדאַנישער וועלט, געלעבט אין

אומנאָרמאַלע באַדינגונגען. דאָס מיינט, אַז פאַר דעם אויסדרוק פון מענטשלעכן זשעני גילטן נישט קיין ספּעציפישע דרויסנדיקע באַדינגונגען, נאָר דאָס געהערט צו דער מיסטעריע פון דער מענטשלעכער נשמה.

דאָס זעלבע איז אויך נוגע דעם געביט פון שפּראַכן־פאָרשונג. די פילאָלאָגן האָבן שוין וויסנשאַפטלעך געשפּאָלטן אַלע שפּראַכפאָרשערישע האָר. זיי האָבן שוין אויסגעפאָרשט און אויסגעסדרט די שפּראַכן־גרופּעס. זיי וועלן אייך אָנווייזן אויף די פאַרשיידנאַרטיקע עטאַפּן פון שפּראַכן־עוואָלוציע און ווי אַזוי די אָדער אַנדערע שפּראַך איז געשאַפן געוואָרן און אונטער וועלכע השפּעות. דער מעכאַניזם פון שפּראַך איז פאַר זיי אין גאַנצן קלאָר. זיי וועלן אייך אָבער נישט קענען דערקלערן די גאונות פון איין שפּראַך און די וועגעטאַציע פון אַ צווייטער שפּראַך. פאַר וואָס איז אַן אַלטע שפּראַך פון אַ פאָלק אין נאָרמאַלע באַדינגונגען געבליבן שטיין און פאַר וואָס אין אַ צווייטן פאַל איז אַ נייע שפּראַך, אַ „זשאַרגאָן", עולה לגדולה געוואָרן? פאַר וואָס האָט אַ פאָלק אין זיין אייגן לאַנד אויפגעגעבן זיין שפּראַך און אָנגענומען אַ צווייט לשון און פאַר וואָס האָבן אַנדערע שפּראַכן זיך אַנטוויקלט אין די סאַמע אומנאָרמאַלסטע באַדינגונגען? פאַר וואָס האָבן זיך די פעלקער פון דער רוסישער אימפּעריע ביז היינט נישט „אָנגעשטעקט" מיט דער רוסישער שפּראַך, וואָס איז אַ האָמאָגענע שפּראַך, און פאַר וואָס האָט ענגליש, דער גאונותדיקער „זשאַרגאָן", „אָנגעשטעקט" אַפילו פאַרוואָרפענע אינדזלען, בעת די רוסן האָבן תמיד געפירט אַ רוסיפי־קאַטאָרישע פּאָליטיק און די ענגלענדער האָבן זיך נישט פאַרנומען מיט אָנגליזירן זייערע קאָלאָניעס? וואָס איז דער כישוף פון איין שפּראַך און די מעכאַנישקייט פון אַ צווייט לשון?

די ענטפערס אויף די אַלע פראַגן ליגן פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. פאַר די דאָזיקע דערשיינונגען שטייען די פילאָלאָגן אומבאַהאָלפן און זיי האָבן דעריבער „באַשלאָסן", אַז דאָס געהערט נישט צו זייער געביט. דאָס געטלעכע און דאָס נשמהדיקע געהערט נישט צום געביט פון וויסנשאַפט.

נישט צופעליק האָב איך געמאַכט דעם פּאַראַלעל, וואָס כאַראַקטע־ריזירט דעם פענאָמען פון מענטשלעכער גאונות מיט דעם פענאָמען פון

דער גאונות פון אַ שפּראַך. בנוגע דעם ערשטן זענען נישט פאַראַן קיין חילוקי־דעות, קיין פאָראורטיילן, קיין קאָמפּלעקסן אוןליידנשאַפטן.

גאָר אַנדערש איז אָבער דער צוגאַנג צו דעם פענאָמען פון דער גאונות פון שפּראַך. ווייל שפּראַך איז געבונדן מיט סביבה, פאָלק, לאַנד, ווירקן דאָ די עלעמענטן פון קאָמפּלעקסן, שאָוויניזם, עגאָצענטרישקייט און ענגהאַרציקייט — עלעמענטן, וואָס שליסן אויס יעדע לאָגיק. דאָ ווערט די גאונות אַ נעגאַטיווע דערשיינונג. דער עיקר איז דאָ דער פאַל מיט געוויסע טיילן פון דער יידישער אינטעליגענץ בנוגע דעם פענאָמען פון גאונות פון לשון יידיש. די דאָזיקע אינטעליגענץ דענקט מיט לאָגישע קאַטעגאָ־ריעס פאַר אַלע דערשיינונגען, נישט אַנדערש ווי די אינטעליגענץ ביי אַנדערע פעלקער. ווען עס קומט אָבער צו יידיש, לאָזט זיך אַראָפּ איבער איר וויסן און אינטעליגענץ אַ דיקער פאָרהאַנג, זי הערט אויף צו טראַכטן לאָגיש, זי ווערט פשוט פּרימיטיוו, ווי דאָס איז תמיד דער פאַל ווען קאָמ־פּלעקסן, פאָראורטייל און שנאה ווערן די פונקציאָנעלע מיטלען אויף צו באַהאַנדלען דערשיינונגען.

אין דעם וואָס יידיש לשון האָט ביז איצט איבערגעהאַלטן אַזוי פיל מלחמות, קאָמפּלעקסן און פאָראורטיילן, בעיקר מצד געוויסע טיילן פון דער יידישער אינטעליגענץ, זע איך איינע פון די וווּנדערלעכסטע אויס־דרוקן פון גאונות. אַ מאַטעריעלע אימפּעריע וואָלט אונטער אַזעלכע קלעפּ שוין לאַנג געהאַט אומגעקומען, אָבער יידיש איז פון דער דאָזיקער טאַטאַ־לער מלחמה אַרויס מיט יענעם שטאָלצן אויסרוף: און די ערד דרייט זיך דאָך!

פילאָלאָגיש גענומען איז יידיש די ייִנגסטע שפּראַך אין דער וועלט. יידיש פאַרמאָגט דעריבער די גענויסטע געבורט־מעטריקע צווישן שפּראַכן. יידיש איז, בכן, געבוירן געוואָרן מיט טויזנט יאָר צוריק אין ראַיאָן פון לאָטרינגען, אין דעם באַסיין פון ריין. די מאַמע פון יידיש איז אַן אַלט הויכדייטשער דיאַלעקט. און דער טאַטע? ווער איז דאָס דער טאַטע פון יידיש? דער מערטשעם (אם ירצה השם), און דער בעזן (בית־דין), און דער קלעזמער (כלי־זמר), און דער באַלעבאָס (בעל־הבית), און דער מייקל־זיין (מעכל־זיין), און מוסרניק און דער מוסר־נפש־זיין־זיך — דאָס איז דער

יחוסדיקער טאַטע. דער טאַטע האָט געבראַכט דער מאַמען אַ בכבודיקן נדן פון זעקס טויזנט לשון-קודשדיקע ווערטער, וואָס יידיש האָט זיי דורך פּרעפיקסן און סופיקסן פאַרטאָפּלט און פאַרדרייפאַכט.

ביי דער היינטיקער „מעודכנישער" פאַבריקאַציע פון ווערטער אין דער ירושלימער אַקאַדעמיע פאַר העברעיִש לשון, שפּילט אפשר נישט קיין גרויסע ראָלע זעקס טויזנט ווערטער. אָבער אַז מיר וועלן געדענקען, אַז דער גאַנצער אוצר פון דער תנכישער ליטעראַטור באַשטייט פון קנאַפּע זיבן טויזנט ווערטער און אַז דער אוצר פון תלמוד און מדרשים באַשטייט פון אַ זעקס טויזנט ווערטער — הייסט עס, אַז דער טאַטע האָט דער מאַמען פון יידיש אַריינגעבראַכט אַ העלפט פון דעם גאַנצן פאַרמעגן פון זיינע אָבות.

פון דעם דאָזיקן זיווג, פון אַלט-הויכדייטשן דיאַלעקט און פון זעקס טויזנט תנכישע און תלמודישע ווערטער, — איז עולה לגדולה געוואָרן אַ לשון, וואָס יעדעס פאָלק וואָלט שטאָלץ געווען מיט אים — דאָס לשון יידיש.

לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז אין דעם נדן, וואָס יידיש האָט באַקומען פון לשון-קודש, זענען די זעקס טויזנט ווערטער נישט סתם אַ צאָל, נאָר די זעקס טויזנט ווערטער זענען די זאַפטן פון העברעיִשן לשון, אַלדאָס גייסטיקייט, וואָס אָט דאָס לשון האָט געשאַפן.

עס איז פאַר מיר נישטאָ קיין שום ספק, אַז ווען נישט די גאונות פון יידיש, ווען נישט די נשמהדיקייט פון יידיש, וואָלט העברעיִש קיין מאָל נישט געקענט צוריק ווערן אַ גערעדט לשון. דאָס האָט יידיש אויפגעהאַלטן לעבעדיק די זאַפטן פון לשון-קודש און זיי אַזוי געקעלטערט, אַז היינט קענען זיי צוריק זיין לעבעדיק ווי אַ באַזונדער לשון.

קיינער האָט נישט געצווונגען די יידן אין אַמאָליקן ארץ-ישראל אויפצוגעבן זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך — עברית — ווי אַ גערעדטע שפּראַך, און אָננעמען דעם „עספּעראַנטאָ" פון די מיטל-מזרחדיקע לענדער — אַרמיש. די יידן אין ארץ-ישראל האָבן אַרמיש פון אָנהייב אָנגענומען ווי אַ גערעדטע שפּראַך און שפּעטער אויך ווי אַ ליטעראַרישע שפּראַך אויס זייער אייגענעם ווילן. וואָס זענען געווען די סיבות דערצו — אַחוץ די

תמיד פאַראַנענע טענדענצן ביי יידן צו אַסימילאַציע? היינט וויל מען די סיבות דערקלערן דערמיט, וואָס אַרמיש געהערט צו דער משפחה סעמי־טישע שפּראַכן. אויפגעבן העברעיִש און איבערגיין אויף אַרמיש, דאַרף עס הייסן, איז נישט געווען קיין אָפּפרעמדונג. פּונקט פאַרקערט, דווקא אין שפּראַכן איז דער אַנטאַגאָניזם גרעסער, וואָס נעענטער די שפּראַכן זענען צו זיך. און פעלקער שיצן זיך קעגן קרובישע שפּראַכן, ווי זיי שיצן זיך קעגן דער סופּרעמאַציע פון זייערע שכנישע פעלקער. רוסיש און פּויליש געהערן צו דער זעלבער גרופּע סלאַווישע שפּראַכן. האָבן פּאָליאַקן תמיד באַטראַכט פאַר זייערס אַ נאַציאָנאַל אומגליק יעדן מין רוסיפיקאַציע און יעדע השפּעה פון רוסיש אויף פּויליש. איינע פון די טענות פון פּאָליאַקן קעגן די פּוילישע יידן איז געווען דאָס, וואָס יידן זענען — לויט זייער מיינונג — געווען אַ רוסיפיצירנדיקער פאַקטאָר. און אַפילו היינט, אונטערן קאָמוניסטישן רעזשים, ראַנגלען זיך פּאָליאַקן קעגן דעם אַנלויף פון השפּעות פון רוסיש אויף פּויליש. און אויף וויפל מיר קענען זיך אַליין, ווייסן מיר, אַז יידן געהערן נישט צו די זייער טאָלעראַנטע פעלקער אויף דער וועלט, בפרט אין דער פראַגע פון שפּראַך. וואָס, אויב אַזוי, איז געווען דיווירקלעכע סיבה הלמאי יידן האָבן אין זייער אייגן לאַנד אויפגעגעבן העברעיִש ווי אַ גערעדטע שפּראַך? און נישט נאָר ווי אַ גערעדטע שפּראַך, נאָר שפּעטער אויך ווי אַ עקסקלוזיווע שפּראַך פון תלמוד מיט העברעיִשע עלעמענטן?

דאָ האָבן, מן הסתם, געווירקט די זעלבע סיבות, וואָס האָבן שפּעטער געבראַכט צום אויפקום פון אַ נאָך רייכערער און מער פאַלקסטימלעכער שפּראַך — לשון יידיש.

העברעיִש, ווי אַן אָפּגעשלאָסן און פאַטעטיש לשון, האָט נישט פאַר־טראָגן און פאַרטראָגט ווייטער נישט קיין פרעמדע עלעמענטן. העברעיִש איז נישט עלאַסטיש, עס האָבן געפעלט אין דעם לשון פאָרמען וואָס זאָלן די שפּראַך מאַכן מער אָפּעראַטיוו. אַפילו היינט, ביי דער מאַסנפאַבריקאַ־ציע פון נייע ווערטער אין העברעיִש, ווי עקוויוואַלענטן פון דער ענגלישער שפּראַך, רייסן די פרעמדשפּראַכיקע עלעמענטן דאָס אויער, ווי עס רייסן, למשל, דאָס אויער פרעמדע ווערטער אין דער יידישע פּאָעזיע. דאַקעגן

האָט אַרמיש פאַרמאָגט אַ גרויסע אָפּעראַטיווקייט, אַ סך גרעסערע גראַמאַ־טיקאַלישע און סינטאַקסישע באַוועגלעכקייט אין זאַצבוי און אין דער פאַרמירונג פון ווערטער. אַרמיש, פונקט ווי היינט יידיש, איז געווען טאַלע־ראַנט און האָט גערן אַריינגענומען פרעמדע עלעמענטן און זיי פאַראייגנט. צוליב די דאָזיקע אייגנשאַפטן איז אַרמיש געוואָרן די שפּראַך פון דעם גאַנצן מיטעלן מזרח, אַ מין אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך, ווי היינט ענגליש, מיט באַזונדערע נאַציאָנאַלע „סלענגס". יידן האָבן געהאַט זייער אייגענעם אַרמישן „סלענג" צוזאַמענגעפּלאָכטן מיט העברעיִש.

יידן זענען אַוועק אין דער וועלט. זיי זענען אַרויס פון דער אַרמיש־ספערע, בפרט נאָך דעם ווי אַרמיש איז אַרויסגעשטופּט געוואָרן דורך אַראַביש. יידן אין גלות זענען געבליבן אָן אַ שפּראַך.

עס איז מעגלעך אַ היפּאָטעזע, אַז ווען יידן זאָלן נישט האָבן אויפגעגעבן זייער אייגן לשון — העברעיִש — אין זייער אייגן לאַנד און וואָלטן דאָס לשון שפּעטער מיטגענומען מיט זיך, וואָלט העברעיִש געהאַט דעם זעלבן גורל, וואָס עס האָט געהאַט לאַטיין. נישט אויפגעבנדיק זיך ווי אַ קלאַ־סישע שפּראַך, האָט לאַטיין געבוירן עטלעכע מאָדערנע, אָפּעראַטיווע שפּראַכן, וואָס זענען עלאַסטישער, באַוועגלעכער און טאָלעראַנטער, ווי עס זענען קלאַסישע שפּראַכן.

ווען יידן זאָלן אין ארץ־ישראל נישט האָבן אויפגעגעבן העברעיִש ווי אַ גערעדט לשון, וואָלט דאָס שפּעטערדיקע העברעיִש מסתמא געווען ווי שפּאַניש, אָדער איטאַליעניש צו לאַטיין — אַ שפּראַך, וואָס וואָלט געהאַט העברעיִשע עלעמענטן, אָבער מיט אַ ווייניקן שייכות צו דער גראַמאַטיק און סינטאַקס פון העברעיִש. עס וואָלט געווען אַ יידיש.

און דאָס איז געשען דורך י י ד י ש!

יידיש איז דאָס וווּנדער און די גאונות פון אַ לשון, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך אַלע זאַפּטן פון פאָלק. יידיש איז די פאַרקערפּערונג פון דער וויטאַליטעט און צופּאַסונגס־פעיִקייטן פון אַ פאָלק, וואָס גיט גאָרנישט אויף פון זיין אייגנאַרט, נאָר באַרייכערט עס.

אַ צייט האָבן יידן שפּראַכיק פאַראייגנט אַראַביש. אין אַראַביש האָבן יידן געשאַפן ווערק אויף די געביטן פון פילאָזאָפיע, מעדיצין און אַסטראָ־

נאָמיע — סעדיה גאון, אבן גבירול, יהודה הלוי, משה אבן עזרא, אברהם אבן דאָוד — אָבער קיין יידישע פאָלקס־ליטעראַטור, קיין יידישן שטייגער און קיין פאָלקס־פילאָזאָפיע האָבן יידן אויף אַראַביש נישט געשאַפן.

יידן האָבן אויך גערעדט און געשריבן שפּאַניש; נאָך היינט רעדן ספרדישע יידן זייער פאַריידישטן שפּאַניש (לאַדינאָ), אָבער אויף אָט דער שפּראַך האָבן יידן קיין אייגנאַרטיקס נישט געשאַפן, זיי האָבן נישט בייגעשטייערט צו אונדזער פאָלקס־אוצר.

אין דער שפּאַנישער תקופה האָבן יידן געפּרוווט רעסטאַווירן העברעיִש ווי אַ גערעדט לשון, ווי דאָס פאָלקס־לשון. אין דער „גאָלדענער תקופה" איז געשאַפן געוואָרן אַ רייכע ליטורגישע און טיילווייז וועלטלעכע דיכטונג, מיט וועלכער מיר זענען געקניפּט און געבונדן. ווי ווייט עס זענען געגאַנגען די אָנשטרענגונגען צו פאַרוואַנדלען העברעיִש אין אַן אָפּעראַטיוו לשון, באַווייזן די טויזנטער נייע העברעיִשע ווערטער, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין דער שפּאַנישער תקופה — נישט קיין קינסטלעך געמלאכהטע ווערטער, ווי זיי ווערן איצט געשאַפן, נאָר ווערטער וואָס זענען אין זייער גייסט העברעיִש. דאָס איז מעגלעך געווען, נאַטירלעך, אונטער דער השפעה פון דעם הערשנדיקן אַראַביש און נישט אונטער דער השפעה פון דער נייער לאַטייניַשער שפּראַך, שפּאַניש. און דאָך איז העברעיִש נישט געוואָרן די גערעדטע פאָלקסשפּראַך. אין דער צייט ווען אין אייראָפּע איז לאַטיין געבליבן די שפּראַך פאַר ליטורגיע און ליטעראַטור, און די פעלקער האָבן פאַר זייער נוץ „פאַרוואולגאַריזירט" דאָס לאַטיין און געשאַפן אָפּעראַטיווע אומגאַנגשפּראַכן, האָבן יידן נישט געקענט דערגרייכן דאָס פאַרקערטע מיט העברעיִש. אויב זיי האָבן נאָך אין זייער אייגן לאַנד — אין ארץ־ישראל — געהאַט נייטיק אַן אָפּעראַטיוו לשון, בפרט האָבן זיי דאָס געמוזט האָבן אין אייראָפּע, ביי פולשטענדיק געענדערטע באַדינגונגען אין האַנדל און אין באַציִונגען מיט פעלקער.

איז געשען אַ נס: אין בעקן פון ריין, ווי פריִער אין אַנדערע לענדער אויף זייער גלות־וועג, האָבן יידן גערעדט די אָרטיקע שפּראַך אין דעם דיאַלעקט פון דער תקופה. ווען יידן זאָלן דאָ האָבן געבליבן, וואָלט אָט דאָס לשון קיין מאָל נישט געוואָרן דאָס לשון פון זייער געמיט, דאָס לשון פון

זייער נשמה און פאָלקסשעפערישקייט. צו פיל האָבן די פעלקער געפייניקט די יידן, אַז זיי זאָלן אָננעמען זייער לשון, ווי דעם אויסדרוק פון זייער אייגן געמיט. אָבער פון דעם ריין־געביט זענען יידן אַוועק מאַסנווייז אויף צפון־מזרח, אין די סלאַווישע לענדער. דער מיטגענומענער דייטשער דיאַלעקט איז דאָ מער נישט געווען די שפּראַך פון די שכנים, נאָר פון זיי אַליין, פון די יידן. בפרט אַז דער דייטשער דיאַלעקט איז שוין געווען דורכגעקאָכט מיט רייכע און זאַפטיקע העברעיִשע עלעמענטן. פאַר די שכנים איז דאָס געווען אַ פרעמד אומפאַרשטענדלעך לשון.

פאַר וואָס האָבן די יידן נישט אָנגענומען אַ סלאַווישן דיאַלעקט פאַר זייער אומגאַנג־שפּראַך, ווי זיי האָבן זיך פריִער נוהג געווען אין אַנדערע לענדער? פשוט דערפאַר, ווייל די סלאַווישע שפּראַכן זענען דעמאָלט געווען פרימיטיווע און צוריקגעשטאַנענע אַנטקעגן דעם שפּראַך־אוצר, וואָס יידן האָבן געבראַכט מיט זיך — עברי־טייטש אָדער יידיש־טייטש, צוזאַמענגעקנאָטן מיט די אוצרות פון העברעיִש און דעם אַרמישן עלעמענט. יידיש איז שוין דעמאָלט געווען אַ שפּראַך, וואָס האָט באַפרידיקט אַלע מאַטעריעלע און גייסטיקע הצטרכותן — פאַר האַנדל און מלאכה, פאַר שטייגער און דת, פאַר לערנען אַ בלאַט גמרא און אין באַציִונגען צווישן יידישע קהילות. מיט יידיש זענען יידן געשטאַנען אַ סך העכער פון זייערע שכנים.

נישט דאָ איז דער פּלאַץ צו דערציילן די ווונדערלעכע עפּאָפּייע, ווי אַזוי יידן, וואָס זענען אָנגעקומען אין די סלאַווישע לענדער פון אַנדערע שפּראַכלעכע ספערן, פון דרום און מזרח, פון טערקיי און קרים, האָבן „אַנטדעקט" יידיש ביי זייערע ברידער אין די סלאַווישע לענדער — אַ גאַנץ לשון דורכויס פאַר יידן, וואָס דריקט אויס אַלדאָס יידישע, און ווי אַזוי זיי האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם דאָזיקן ים, ווי אַ סגולה צו שטאַרקן זייער קיום! די צעריסענע פאָלקסשטיקער האָבן זיך דורך דעם דאָזיקן לשון — יידיש — צעמענטירט אין אַ פאָלק אין גלות. די געבענטשטע רעזולטאַטן וועלן מיר זען שפּעטער.

ווי שטאַרק איז דער נס פון יידיש און די גאונות פון יידיש, אויב דער בעל־שם־טוב און נחמן בראַצלאַווער האָבן מיטן רבונו־של־עולם גערעדט יידיש, ווי משה רבנו האָט מיטן רבונו־של־עולם גערעדט לשון־

קודש! נייִן, נאָך מער: מיט יידיש זענען פאַרשוווּנדן אַלע דיסטאַנצן צווישן גאָט און זיין פאָלק ישראל.

אַ שפּראַך ווערט נישט איבער נאַכט די אינטימע נשמה־מוזיק פון אַ פאָלק, ווי אַ האַליוווּדער שלאַגער ווערט נישט קיין וויגליד ביים וויגעלע פון אַן אויסגעצערטלט קינד. לשון איז נשמה־אויסדרוק, לשון איז לייב און לעבן. פון ווייטיק שרייט נישט קיינער אין אַ פרעמד לשון, און אין ליבשאַפט און עקסטאַז פליסטערט נישט קיינער אין אַ פרעמד לשון. לויט די פילאָלאָגן, איז יידיש אַלט געווען אין די צייטן פון בעל־שם־טוב קוים זיבן הונדערט יאָר. וואָס פאַר אַ קורצע צייט פאַר אַ שפּראַך, אויב מיר קענען שפּראַכן, וואָס האָבן זיך געניִיטיקט אין טויזנטער יאָרן ביז זיי זענען דערגאַנגען צו שעפערישקייט. אָבער אין דעם איז די גאונות און די זעלטנקייט פון יידיש, וואָס אין אַכצנטן יאָרהונדערט האָט דער בעל־שם־טוב געשמועסט מיטן רבונו־של־עולם אויף פּראָסט יידיש. אַ גאונותדיק קינד קען צו צען יאָר פאַרכישופן מיט זיין שפּילן פידל, בעת אַן אַנדערער קען אָפּשפּילן אַ גאַנץ לעבן און קיין שעפערישן טאָן נישט אַרויסבאַקומען פון אינסטרומענט. דורך דעם יידיש־אינסטרומענט האָט זיך דער בעל־שם־טוב מתיחד געווען מיט „אים אין הימל". שוין דעמאָלט איז דאָס יידישע לשון געווען דערהויבן צו אַ מעמד פון הר סיני. און אפשר נאָך העכער! ביים מעמד הר סיני האָט דער רבונו־של־עולם נישט אַראָפּגעני־דערט צו משהן, נאָר משה איז אַרויף אויפן באַרג און דאָס פאָלק איז געבליבן אונטן. צווישן משה רבנו און גאָט איז געווען אַ דיסטאַנץ פון פייער מיט אַ דיקטאַט פון „נעשה ונשמע". דער אל שדי האָט באַפוילן און משה האָט געהערט, עס האָט געהילכט דער פאַרכטיקער פאַטאָס פון לשון קודש: „את ד' אלהיך תירא ואותו תעבוד" „כי אל קנא ד' אלהיך בקרבך" — פאַר דיין גאָט זאָלסטו מורא האָבן און אים זאָלסטו דינען, וואָרעם אַ צאָרנ־דיקער גאָט איז דיין גאָט צווישן דיר. מיט יידיש איז דער דיסטאַנץ צווישן גאָט און ייד אָפּגעווישט געוואָרן. צום בעל־שם־טוב און נחמן בראַצלאַווער האָט זיך גאָט־ברוך־הוא אַליין מטריח געווען, ער האָט אַראָפּ־געניִדערט פון זיינע הייכן צום פאָלק, און זיי האָבן גערעדט צו אים לב אל לב, ווי קינדער רעדן צו אַ טאַטן, אויף פּראָסט יידיש. אין פאַטעטישן לשון־

קודש האָט דער שליח־ציבור געקענט בלויז אָננעמען באַפעלן פון רבונו־של־עולם, אָבער אין יידיש האָט דער שפּעטער אויפגעהערט צו זיין דער גאַנצער יאָ טעביע דאָם, און רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט געקענט רופן דעם רבונו־של־עולם צו אַ דין־תורה און רעדן צו אים אַפילו האַרבע דיבורים, ווי ער האָט גערעדט:

„גוטער מאָרגן דיר, רבונו־של־עולם! איך, לוי יצחק בן שרה מבאַר־דיטשעוו, בין געקומען צו דיר מיט אַ דין־תורה פון דיין פאָלק ישראל. וואָס האָסטו צו דיין פאָלק ישראל? וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף דיין פאָלק ישראל? אַז ווו נאָר אַ זאַך, איז צו את בני ישראל; אַז ווו נאָר אַ זאַך, איז דבר אל בני ישראל, טאַטעניו!

און דער באַרדיטשעווער טוט אויך אַ יידישלעכן קלאַפּ אין טיש. ער רעדט נישט צו אַ צאָרנדיקן גאָט, נאָר צו אַ טאַטן רעדט ער:

„לא אזוז פה ממקומי, איך וועל זיך פון אָרט נישט רירן, און אַן עק זאָל עס נעמען, און אַ סוף זאָל צום גלות נעמען, יתגדל ויתקדש שמיה רבא!"

צי איז וועלכער ס'איז ייד ווען עס איז געווען מיט לשון קודש אָדער מיט אַרמיש אַזוי אויסגעקאָכט מיט „אים אין הימל", ווי דער באַרדיטשעווער — מיט יידיש? קיין מאָל נישט!

נאָר די גאונות פון יידיש האָט דאָס געקענט דערגרייכן. ווייל זינט יידן האָבן אויפגעגעבן לשון־קודש, ווי זייער גערעדטע שפּראַך אין זייער אייגן לאַנד, האָבן יידן נישט געהאַט קיין אייגענעם נשמהדיקן שפּראַך־אינסטרומענט. אין יידיש האָבן זיי דעם אינסטרומענט צוריקגעפונען, אַ באַרייכערטן, אַ פאַרטיפטן, אַ מייסטערדיקן אינסטרומענט, וואָס איז אין זיך כולל אַלע פאָלקס־אוצרות פון אַלע צייטן. אין יידיש האָבן זיך אַלע יידישע אינסטרומענטן צונויפגעגאָסן אין אַ ווונדערלעכער פאָלקס־סימ־פאָניע: איר האָט דאָ, אין יידיש, די הייליקייט פון תורה־לשון, די שאַרפ־קייט פון תלמוד, דאָס מעשהדיקע פון מדרש און די האַרציקייט פון דער יידישער פאָלקס־נשמה. נישט פאַראַן צווישן אַלע שפּראַכן אין דער וועלט אַזאַ געניאַלע קאָמפּאָזיציע פון ווערטן, ווי אין יידיש. ווי עס איז זעלטן

דער פּענאָמען פון גאונות, אַזוי איז זעלטן און איינציק דער פּענאָמען פון יידיש.

אָן יידיש וואָלטן מיר, חלילה, פאַרפאַלן געוואָרן און קיין מאָל נישט צוריקגעקומען צו דעם, צו וואָס מיר זענען צוריקגעקומען.

מער ווייניקער אין דער זעלבער צייט, ווען מיט יידיש איז אויפגעגאַנגען די שענסטע און דערהויבנסטע פאָלקס־באַוועגונג — חסידות, איז אין דייטשלאַנד אויסגעבראָכן די פּלאָג פון השכלה, ווי אַ רעאַקציע.

משה מענדעלסאָן האָט געלעבט אין אַן אַנדער וועלט און האָט געזען מאַר זיך און פאַר יידן אַן אַנדער ציל, ווי לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט געזען פאַרן יידישן פאָלק, וואָס איז דורך יידיש צוריק געוואָרן אַ פאָלק. ווען לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט געהאַט אַ דין־תורה מיטן רבונו־של־עולם און געפאָדערט פון אים עס זאָל אַ סוף נעמען צום גלות, האָט משה מענדעלסאָן „איהר אויף ריכטיגר ליבהאבר אונד פריינד הקטן משה מדעסאוי", געשריבן צו דער „ליבשטי פרומעט" אז „מאַן האָט געסטערן דען שלום מיט רוסלאַנד עפנטליך פובליצירט, מיט פילן פריידיגן צו רופן פון איינר גרוישן מענגי פאָלקש, עש לעבי פעטר און פרידריך! יו' א' הבע"ל (הבא עלינו לטובה — מ. צ.) ווירד טע דעום געזונגען" (ציטירט פון אַ בריוו פון משה מענדעלסאָן צו פרומעט גוגנהיים, דעם 25סטן מאַי 1762). די השכלה פון משה מענדעלסאָן האָט געצויגן צו „טעדעום", צו זיין ככל הגויים, צו זיין מיט דעם „גרוישן מענגי פאָלקש" אין דייטשלאַנד, ווי דייטשן פון משהס גלויבן, ווי שפּעטער די השכלה אין רוסלאַנד — צו זיין מיט דעם „גרויסן מענגי פאָלקש" אין רוסלאַנד, ווי רוסן פון משהס גלויבן. דאָס איז די זעלבע השכלה, וואָס האָט שפּעטער אויסגעפונען דעם רעצעפּט, וואָס זאָל העלפן אַדורכגיין דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס אָן ווייטיקן; דער רעצעפּט האָט געהייסן „עברית און רוסית", ווי אין דייטשלאַנד „עברית און גרמנית". אויסן געווען איז מען דאָ, נאַטירלעך, נאָר רוסית און נאָר גרמנית, צו זיי האָט דאָס עברית געדאַרפט זיין אַ בריק, כדי אויסצומיידן די שטרויכלונג יידיש. דער משכיל חיים זעליג סלאָנימסקי, אַ ייד פון ביאַליסטאָק, האָט נישט געהאַלטן פון יידיש און געשריבן זיינע ווערק אין לשון־קודש, אָבער זיין זון האָט ער דערצויגן אין גייסט פון „עברית או

רוסית״. זיין זון יעקב האָט געמאַכט דעם לאָגישן אויספיר, צו וועלכן די השכלה האָט געפירט, און איין מאָל אין אַ לשון־קודשדיקן מכתב פון פעטערבורג אָנגעזאָגט דעם טאַטן די בשורה, אַז ער האָט זיך געשמדט און אָנגענומען דעם קריסטלעכן נאָמען לעאָניד־לודוויק. אויף דעם דאָזיקן בריוו האָט דער אַלטער חיים זעליג סלאָנימסקי געענטפערט בזה הלשון: איך האָב נישט צו דיר קיין טענות הלמאַי דו האָסט אָנגענומען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן, איך וועל דיר אָבער קיין מאָל נישט מוחל זיין, וואָס דו האָסט זיך אונטערגעשריבן יעקב מיט אַן א׳ (יאקב). (לויט ש. ל. ציטראָן אין „משומדים״).

פון אָט דעם פאַל מיט דעם למדן און וויסנשאַפטלער חיים זעליג סלאָנימסקי און ענלעכע פאַלן מיט משכילים בנוגע דעם אַלטערנאַטיוו „עברית או רוסית״, „עברית או גרמנית״, וואָס מיינט פאַקטיש אַנטלויפן פון יידישקייט, וואָלט מען געקענט מאַכן די ווייטגייענדיקסטע אויספירן. די אויספירן וואָלטן חל געווען נישט בלויז אויף די אַוועקגעגאַנגענע תקופות, נאָר אויך אויף אונדזער היינטיקער תקופה. ווייל דעמאָלט, ווי היינט, איז די איינציקע דאַמבע קעגן אַלע פאָרמען פון אַסימילאַציע — דאָס לשון יידיש, וואָס איז כולל אין זיך די יידישע ווערטן פון אַלע־אַלע ציייטן.

שוין דעמאָלט, אין די צייטן פון משה מענדעלסאָן, האָט דאָס גאונות פון יידיש אָנגעהויבן שטעכן אין די אויגן יענע עלעמענטן, וואָס האָבן אין די ליבעראַלע ווינטן אין דער קריסטלעכער וועלט געזען אַ שעת־הכושר צו אַנטלויפן פון יידישקייט. והראיה: די משכילים, וואָס האָבן דערזען די סכנה, אַז די השכלה איז אַ שפּרינגברעט צו אַסימילאַציע, זענען צוריק אַוועק צו יידיש. ווייל נאָר און בלויז יידיש איז געווען און איז אויך היינט דער פּאַנצער קעגן אַסימילאַציע. יידיש האָט צעמענטירט דאָס פאָלקס־באַוווסטזיין איבער גרענעצן און לענדער. יידיש האָט געטראָגן מיט זיך די נאַציאָנאַלע וויזע, די וויזיע, וואָס איז שפּעטער געוואָרן וואָר. דעריבער זענען מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם און אַנדערע געוועזענע משכילים, וואָס האָבן אָנגעהויבן שרייבן אין העברעיִש, אַוועק צו יידיש, כדי זיך צו פאַרבינדן מיטן פאָלק. אין זייערע העברעיִשע שריפטן זענען

זיי געווען מליצהדיק, אַלעגאָריש, באַנאַל און סטעריל, הגם מענדעלע איז געווען דער פּאַקטישער שעפער פון דעם נייעם העברעיִשן סטיל. אָבער צו געבענטשטער שעפערישקייט זענען אָט די שרייבער דערגאַנגען ערשט דורך יידיש, דורך די פאָלקסזאַפּטן און דער גאונות פון יידיש. אין „שלמה ר׳ חיימס״, אין „חסידיש״, „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״ און אין „טוביה דער מילכיקער״ האָבן מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם נישט בלויז אויסגעדריקט דעם יידישן שטייגער, נאָר אויך די גאונות פון יידיש לשון.

די משכילים פון משה מענדעלסאָנס חדר האָבן מורא באַקומען פאַר יידיש, וואָס קען שטערן זייערע אַסימילאַציע־גלוסטן. וואָרעם נישט־אויפ־קלערערישקייט, נישט „אַרויסצופירן די פינצטערע יידישע מאַסע״ צו דער ליכטיקייט פון דער וועלט האָט געמיינט די השכלה, נאָר זי האָט געמיינט ליקווידאַציע פון יידישן אייגנאַרט. און יידיש איז געווען דער גרעסטער שטער פאַר דער דאָזיקער ליקווידאַציע. האָבן די משכילים פון משה מענ־דעלסאָנס חדר צוגעטראַכט פאַר יידיש (אין סוף פון 18טן יאָרהונדערט) דעם באַליידיקנדיקן פראַנצויזישן באַגריף „זשאַרגאָן״, כדי דערמיט אונ־טערצושטרייכן, אַז יידיש איז אַ צופעליקער צוזאַמענקלייב פון ווערטער פון פאַרשיידענע שפּראַכן און געהערט נישט צו דער משפחה פון לשונות. אין דעם אַ רעצעפּט האָבן זיך שפּעטער אויך אָנגעכאַפּט די משכילים אין רוסלאַנד. אַפילו די יידישע שרייבערס, וואָס זענען געקומען אין אונדזער ליטעראַטור פון דער מזרח־אייראָפּעיִשער השכלה, און אויך דער אויפגעקלערטער יידישער אַרבעטער־קלאַס, האָבן זיך באַנוצט מיט דעם נאָמען „זשאַרגאָן״ פאַר יידיש, הגם פאַר זיי איז דער טערמין געווען אַ נייטראַלער. נישט אַזוי אונטער דער ווירקונג פון דער טשערנאָוויצער יידישער שפּראַך־קאָנפערענץ, נאָר אין אַ גרעסערער מאָס דורך די יידיש־פאָרשונגען דווקא פון נישט־יידישע פילאָלאָגן, וואָס האָבן אין יידיש אַנטדעקט אַ שפּראַכ־וווּנדער, איז דער באַליידיקנדיקער נאָמען „זשאַרגאָן״ אָפּגעשאַפט געוואָרן. אָבער נאָך היינט קענט איר הערן פון סנאָבן און לומפּן־אַסימילאַטאָרן די באַצייכענונג „זשאַרגאָן״ פאַר יידיש.

אָבער ווי אַ קוואַליקער טייך, וואָס נעמט זיך ווייניק איבער דערמיט, ווען עמעצער פון ברעג וואַרפט אין אים אַריין אַ שטיין, האָט זיך יידיש

צעשטראָמט און צעשפּרודלט מיט אַ שעפערישקייט, וואָס איז זעלטן פּאַר שעפערישע שטראָמען אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע. יידיש האָט צעריסן די צוימען פון די „רוסן פון משהס גלויבן" און די צוימען פון די „פּאָליאַקן פון משהס גלויבן" און האָט צעמענטירט אַן אומה מיט אַלע אַטריבוטן. און אויב עס האָט געפעלט דער איינציקער אַטריבוט — מדינה — איז יידיש געוועןדער וויכטיקסטער פאַקטאָר פאַר דער יידישער מדינה! נישט אין רוסיש, נישט אין דייטש און אַפילו נישט אין העברעיִש האָט זיך פּראַקטיש געוועבט דער דראַנג פאַר גאולה, נאָר אין יידיש האָט ער זיך געוועבט. פון דעם אַבסטראַקטן „לשנה הבאה בירושלים" איז דורך יידיש אויסגעוואַקסן דער רעאַלער חלום פון „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה" און „דאָרט ווו די צעדער".

און נישט דורך דער לומפּן־אַסימילאַטאָרישער השכלה זענען אויפגעגאַנגען די מאָדערנע העברעיִשע ליטעראַטור און דאָס מאָדערנע העברעיִשע לשון — נאָר דורך יידיש זענען זיי אויפגעגאַנגען. „עברית או רוסית", „עברית או גרמנית" האָבן זיך געענדיקט מיט רוסית און גרמנית. אָבער כלפּי יידיש איז אַפילו נישט נייטיק געווען קיין „עברית או יידיש", ווייל אינטעגראַלע יידישקייט איז במילא אויך עברית, ווייל יידיש פאַרמאָגט אַלע זאַפטיקע אוצרות פון עברית, ווייל אַ ייד, וואָס רעדט יידיש און שרייבט יידיש, רעדט און שרייבט אויך עברית, ווייל יידיש איז דער גאונותדיקער אַקומולאַציע־מכשיר, וואָס האָט איינגעשפּייכלערט אין זיך אַלע יידישע אוצרות, אַלדאָס וויטאַל־יידישע פון אברהם אָבינו ביז היינט — פון תנ"ך, פון תלמוד, פון די מדרשים און דעם פאָלקלאָר פאַר אַלע צייטן.

די דאָזיקע פונקציע פון יידיש האָט געפונען איר פולן אויסדרוק אין דער יידישער ליטעראַטור, אין דער יידישער דערציילונג, אין דער יידישער דיכטונג, אין דער יידישער דראַמאַטורגיע. ווען ביי אַנדערע פעלקער האָט זיך די דראַמאַטורגיע אָנגעהויבן מיט „קאָמעדיאַ דעל אַרטע" און בורלעסק, האָט זיך די יידישע דראַמאַטורגיע אָנגעהויבן מיט „מכירת יוסף" און „בר כוכבא". די יידישע ליטעראַטור איז פון איר סאַמע אָנהייב געווען אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור און דערמיט איז זי נישט געווען קיין

אַנהייב, נאָר אַ המשך — אין יידיש און אין פאָלקסטימלעכע פאָרמען — נישט פאַר יחידי סגולה, נאָר פאַרן גאַנצן פאָלק!

זינט דעם תנ״ך האָבן יידן אין קיין שום לשון נישט געשאַפן אַזעלכע פאָלקס־עפּאָסן ווי אין יידיש. ווייל נאַציאָנאַלער עפּאָס קען געשאַפן ווערן נאָר אין דעם לשון, וואָס איז די מוזיק פון דער פאָלקס־נשמה. ווען דער נאַציאָנאַלער דיכטער חיים נחמן ביאַליק האָט געזאָגט, אַז לשון־קודש רעדט מען און יידיש רעדט זיך, איז דאָס נישט געווען קיין פּאַראַדאָקס. שפּעטער איז דאָס אויסגעדריקט געוואָרן אין טראַגישע נסיונות, ווען דער דיכטער־קדוש יצחק קאַצענעלסאָן, וואָס איז דורכגעוועבט געווען מיט העברעיִש, געשאַפן אין העברעיִש און געלערנט יידישע קינדער העברעיִש, האָט זיין לעצט ליד פון קינות אויסגעוויינט אין יידיש. „דאָס ליד פון דעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק״ האָט ער נישט געקענט אַנדערש ווי אויפֿשרייבן אין יידיש, ווייל אין יידיש זענען איינגעפלייצט אַלע טרערן און אַלע פריידן און אַלדאָס נאַציאָנאַלע, זינט יידן האָבן אויפגעגעבן זייער אַלטע שפּראַך ווי אַ גערעדט לשון.

ביז צו די נייע אַזוי גערופענע ליבעראַלע ווינטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אין אייראָפּע, איז נישט געווען קיין וויכוח צווישן יידיש און העברעיִש. ווי קען זיין אַ קאָנפליקט אין אַ געזונטן גוף, צווישן האַרץ און מוח? ווען נישט די זעלבסטהאַס־קאָמפּלעקסן און די אַסימילאַציע־שטרעמונג פון אַ געוויסן טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָלט קיין מאָל צו אַזאַ וויכוח נישט געקומען. יידן האָבן געלערנט תורה אין יידיש, גמרא אין יידיש, מדרשים אין יידיש. אין תפילות האָבן יידן אין דבקות זיך געוואָנדן צו די הימלען מיט „טאַטע־פאָטער אין הימל!״ און ביידע זענען געווען לשון־קודש. מענדעלע, דער שעפער פון דעם מאָדערנעם העברעיִש, וואָס נישט צופיל היינטצייטיקע העברעיִשע שרייבער זענען דערגאַנגען צו דער מדרגה פון זיין סטיל, האָט געשריבן העברעיִש און יידיש. פּרץ האָט געשריבן יידיש און העברעיִש, חיים נחמן ביאַליק האָט אַ טייל פון זיינע העברעישע שירים אַליין איבערגעדיכטעט אויף יידיש. און אויב זייער אויסדרוק איז געווען קינסטלערישער און אומדירעקטער אין יידיש, איז דאָס דערפאַר, ווייל יידיש איז כולל אין זיך דעם ראָמאַנטישן פּאַטאָס פון

תנ״ך, די פּאַרכטיקייט פון תפילות, די שאַרפקייט פון תלמוד, די מעשה־דיקייט פון מדרש און אַלע נסיונות פון פאָלק אויף זיין לאַנגן וועג.

גאַרנישט צופעליק איז ש״י עגנונס העברעיִש אַזוי נאָענט צו יידיש. ווען איר לייענט עגנונס פּראָזע, דאַכט זיך אייך, אַז אָט־אָט, אין דעם נאָענט־סטן זאַץ, וועט ער איבערגיין צו יידיש, ווי יענער בעל־תפילה, וואָס וויל צוקומען נענטער צום רבונו־של־עולם און שרייט אויס: מי כמוך, אב הרחמים, טאַטע זיסער! ווייל דער טאַטע־זיסער מאַכט היימישער דעם אב הרחמים. און עגנון וויל נישט אויפגעבן די פאָלקסזאַכן וואָס אין יידיש, ווי אַנדערע האָבן יאָ אויפגעגעבן און געוואָרן סטעריל, נאָר עגנון וויל די זאַפטן וואָס אין יידיש איבערגיסן אין זיין אייגנאַרטיקן העברעיִש. ער וויל פון העברעיִש מאַכן יידיש.

ווייל דורך יידיש איז אפילו דער תנ״ך און ארץ־ישראל געוואָרן יידי־שער. אין יידיש איז ארץ־ישראל קיין מאָל נישט געווען בלויז אַ געאָגראַ־פישער באַגריף, נאָר בעיקר אַ גייסטיקער קוואַל. אַ קוואַל פאַר פאָלקס־בענקשאַפטן. און די העלדן פון תנ״ך זענען דורך יידיש געוואָרן פאָלקס־העלדן, פאָלקסטיפּן, היימישע, נאָענטע ווי קרובים, ווי טוביה דער מילכי־קער, ווי שלמה ר׳ חיימס, ווי מירעלע אפרת פון דער יידישער ליטעראַטור. מיט דעם יידישן „גאָט פון אברהם״״ זענען די אָבות געווען צו גאַסט אין אַלע יידישע היימען אין דעם אויסגאַנג פון הייליקן שבת. איר האָט דעמאָלט די ריחות פון די ווייַנגערטנער און מאַנדלסעדער אין ארץ־ישראל געקענט אַנטאַפּן מיט די פינגער. דאַקעגן, זעט ווי דער תנ״ך, די העלדן פון תנ״ך, ווערן היינט אין מדינת ישראל — אָן יידיש — פּאַרוועניסט, זיי ווערן דער־ווייטערט פון אונדזער אינטימיטעט און פאַרוואַנדלען זיך אין מיטאָלאָגישע העלדן, ווי העלדן פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע. דאָס איז אויך גורם דערצו, אַז די תנ״ך־פּאַרמעסטונגען מיט פרייזן דערמאָנען די ספּאָרט־פּאַרמעסטונגען אויף די גריכישע גימנאַזיאָנען. די תנ״ך־העלדן האָבן תמיד אַנגערעגט און רעגן ווייטער אָן די יידישע שרייבערס. דוד המלך מיט זיין פידעלע און דער מאָדזשיצער מיט זיינע ניגונים, סעדיה גאון און דער ווילנער גאון, די לווים און די בראָדער זינגערס, די מאַמע שרה און שרה בת טובים, אליהו הנביא און דער בעל־שם־טוב, דאָס געזאַנג פון שלמה און

דאָס געזאַנג פון איציק מאַנגער — דאָס זענען די נאָענטסטע פאַלקסמאַטיוון אין יידיש.

היינט, נאָכן וויסטן חורבן אונדזערן, ווען צוזאַמען מיט די טרעגערס פון יידיש זענען אונטערגעשניטן געוואָרן די וואָרצלען פון יידיש, הייבן מיר אָן באַנעמען די גרויסקייט און נאַציאָנאַלע וויכטיקייט פון דעם דאָזיקן לשון. עס בעט זיך פשוט פאַראַפראַזירן דעם דיכטער: יידיש האַרץ מיינס, דו ביסט ווי דאָס געזונט, וואָס נאָר דעמאָלט קען מען דיך אָפשאַצן, ווען מען פאַרלירט דיך.

קעגן יידיש און קעגן אַלץ וואָס אין דעם דאָזיקן אויסערגעוויינטלעכן לשון זענען געפירט געוואָרן און עס ווערן ווייטער געפירט מלחמות. צו די אַלע פריערדיקע מלחמות איז אין די לעצטע פופצן יאָר צוגעקומען די פאַרלענדונגס־מלחמה קעגן יידיש פון די הערשערס פון ראַטנפאַרבאַנד. אויך זיי, ווי די פריערדיקע קריגספירערס קעגן יידיש, האָבן באַנומען, אַז דאָס לשון יידיש און די קולטור אין דעם לשון זענען שטאַלענע מויערן קעגן אַסימילאַציע פון יידן. און זיי צעברעכן די דאָזיקע מויערן.

די בעלי־נצחון פון עברית, וואָס האָבן פריער מיט אַזאַ לייכטזיניקייט געשטורעמט די פעסטונג יידיש, ווילן נישט מודה זיין, אַז זיי אַליין שטייען איצט פאַרשווונקטע פון ענגליש, פאַרשווונקטע פון אַ מעכטיקן שטראָם אַסימילאַציע אין ענגליש, און זיי פּרוּוון איצט מיט עברית פאַרשטאָפּן די לעכער, וואָס איז אוממעגלעך צו פאַרשטאָפּן. מיט יידיש האָט אויך עברית געהאַט דעם כוח זיך אַקעגנצושטעלן דער אַסימילאַציע, אָן יידיש האָט נישט העברעיִש דעם כוח. צו יונג איז העברעיִש ווי אַ באַנייט לשון, און צו ווייניק גייסטיקע כוחות האָט דאָס מאָדערנע העברעיִש אָנגעזאַמלט און צו פיל יידישע אוצרות זענען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון יידישן וואָגן, אַז דאָס העברעיִשע לשון זאָל פעיִק זיין צו פאַרצוימען דעם פאַרניכטנדיקן שטראָם פון אַסימילאַציע. ווייל אויב אַ שרייבערין, אַ דערצויגענע אין צווייטן דור העברעיִש אין ארץ־ישראל און מדינת־ישראל דערקלערט עפנטלעך, אַז העב־רעיִש לשון איז צו ווייניק עלאַסטיש, צו ווייניק אָפּעראַטיוו, און זי דריקט זיך בעסער אויס אין ענגליש — איז דאָס מסתמא נישט בלויז איר מיינונג, נאָר זי האָט מיט אַ סאַבריִשער אָפנהאַרציקייט געזאָגט דאָס וואָס אַנדערע

טראַכטן אין געהיים. מיר האָבן דאָ יענע סימפּטאָמען — און די סימפּטאָמען זענען פאַראַן אויך אויף אַנדערע געביטן — וואָס האָבן אַ מאָל־אַ מאָל דערפירט צו אויפגעבן העברעיִש ווי אַ גערעדט לשון און זוכן אַ פרעמד „לייטיש לשון" מיט אַלע קאָנסעקווענצן פון כולי וכולי...

נאָך אַלע מלחמות און קאַטאַסטראָפעס פאַרמאָגט נאָך היינט יידיש אַ וויטאַלן כוח וואָס יעדעס פאָלק וואָלט אַזאַ כוח אָנגענומען ווי אַ ברכה. קיין שום לשון וואָלט נישט אַרויס אַזוי, ווי יידיש איז אַרויס פון אַלע פאַרלענגדונג־מלחמות קעגן דעם דאָזיקן אוצר. עס איז נאָך קיין מאָל אַזאַ בענקשאַפט נישט געווען צו יידיש — נישט בלויז ביי די וואָס יידיש איז זייער לשון, נאָר אויך ביי דער אַמעריקאַנער יוגנט, אויך ביי די אין ישראל, וואָס האָבן פריִער געפירט אַ קאַמף קעגן יידיש און ערשט איצט הייבן זיי אָן צו פאַרשטיין, וואָס יידיש האָט געמיינט פאַרן יידישן פאָלק.

ווער עס ווייס דאָס קלאָר און ווער עס פילט דאָס אינטויִטיוו, אַז מיט באַפרייען זיך פון דערשלאָגנקייט, און מיט יידיש ווי אַן אַנגרייף־כוח, קען געראָטן צו פאַרצוימען די פאַרניכטנדיקע כוואַליע פון אַסימילאַציע, וואָס האָט זיך צעגאָסן פון אַלע זייטן. — —

# אינהאַלט


די פיר טויזנט־יעריקע יידישע מלחמה . 7

די געגעזע פון אַ קולטור־דראַמע . . . 33

מיגראַציע פון „מיזוג־גלויות" . . . . 59

דאָס לשון יידיש . . . . . . . . . . 77